בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה און
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

242

תשפ"ב

היכל הקודש

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
## וויליאמסבורג
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
## בארא פארק
**1011 41 Street**
Brooklyn NY 11219
**718.384.1652**

היכל הקודש
## קרית יואל
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
## קרית יואל
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
## בלומינגראוו
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
## מאנסי
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**


נדפס ע"י

**קרן הדפסה**
**ההיכל הקודש**

181 Huschke Rd.
Liberty, NY 12747

**718.387.2691**

www.BreslevCenter.com


צו הערן די
הערליכע שיעורים פונעם ראש
ישיבה שליט"א רופט:

קול ברסלב

**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב

**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

פַארְוָואס גֶעבְּט מֶען נִישְׁט מֶער אַכְטוּנְג צוּ רַאטֶעוֶוען דִי וֶועלְט?...א

זָאל אִיךְ קוֹיפְן דִי לַאטֶעְרִי?......................................ד

זָאל אִיךְ אָנְטְרָאגְן אַ שִׁידוּךְ פַאר אַ מֵיידְל וָואס אִיז
דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען אַ פְּרָאבְלֶעם?......................................ו

זָאל אִיךְ לָאזְן מַיין טָאכְטֶער אָנְטוּן אַ שֵׁייטְל נָאךְ דִי חֲתוּנָה?......ז

וִוי הַארְבּ אִיז דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית?..............................ט

דַארְף אִיךְ הָאבְן לֵייף אִינְשׁוּרֶענְס?.............................יא

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין בַּאקוּמֶען גוּטֶע גְרוּסְן פוּן
בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם..............................א

כָּארְן צוּם צַדִיק אִיז נִישְׁט קַיין בִּיטוּל תּוֹרָה.......................ד

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְ'ן זִיךְ צוּרִיק כַאפְּן אוּן וֶוערְן דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג...........ד

לֶערְן יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא.......................................ה

אַ גוּטֶע בִּיזְנֶעס דִיעֶל מִיט מֶעכְטִיגֶע רְוָוחִים ........................ו

דִי גְרֶעסְטֶע נַחַת פַאר אַ טַאטֶע, צוּ זֶען זַיין קִינְד מִיט אַ מִשְׁנַיוֹת ...ח

זֶע צוּ זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן מִיט אוּנְזֶער חֲבוּרָה.................ט

מַאךְ מִיט חָכְמָה, בַּיים סוֹף וֶועט זִיךְ אַלֶעס אִיבֶּערְדְרֵייעֶן לְטוֹבָה.....ט

דִי צַייט וֶוען צוּ קוּמֶען רֶעדְן ............................................ י

בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ הָאבְּן דִי גוּטֶע מִדָה פוּן הַכָּרַת הַטוֹב.... יא

דִי גַאנְצֶע צוּגַאנְג אִיז מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן,
מִיט תְּשׁוּבָה אוּן תְּפִלָה וְהִתְבּוֹדְדוּת ............................. יב

זָאגְן דִי שִׁירַת הַיָם פָּסוּק בְּפָסוּק פָּרָשַׁת בְּשַׁלַח שַׁבָּת שִׁירָה........ יג

מֶען הָאט נָאכְגִישְׁט גֶעזֶען אַזַא אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּנְקֵייט
פוּן אַ תַּלְמִיד צוּ אַ רֶבִּי אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא"שׁ פַאר'ן רֶבִּי'ן ............. יג

רֶעד שֵׁיין צוּ דַיין וַוייבּ, וֶועט אַלֶעס וֶוערְן גְלַאטִיג ..................יד

נִישְׁט חוֹזֶק מַאכְן פוּן אַנְדֶערֶע ..........................................יז

ווִיסְן וִוי אַזוֹי צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן ...............................יז

תַּלְמִידוֹת בֵּית פֵיגֶא וָואס פִירְן זִיךְ אֵיידֶל,
דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע הֲפָצָה..........................................יח

זִיךְ שְׁטַארְקְן פוּנְדָאסְנֵיי מִיט לִימוּד הַתּוֹרָה......................... יט

וֶוער עֶס הֶעלְפְט דְרוּקְן דִי סְפָרִים וֶועט זֶען גְרוֹיסֶע נִסִים.........כב

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## פַארְוָואס גֶעבְּט מֶען נִישְׁט מֶער אַכְטוּנְג צוּ רַאטֶעוֶועןְ דִי וֶועלְט?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וִויל פְרֶעגְן אִיבֶּער אַ זַאךְ וָואס לָאזְט מִיר נִישְׁט מְנוּחָה. אִיךְ בִּין בְּטֶבַע זֵייעֶר אַ שְׁטַארְקֶער דַיְיקָן אוּן אִיךְ גֵיי נָאךְ זַאכְן בִּיזְ'ן סוֹף. בְּמֶשֶׁךְ דִי יָארְן הָאבּ אִיךְ אַסַאךְ גֶעלֵיינְט אִיבֶּער פָּאלוּשְׁן אוּן עֶנְוֵוייְרָאמֶענְט; אִיךְ וֵוייס אַז אַסַאךְ זַאכְן וָואס מֶען זָאגְט אִיבֶּער דֶעם זֶענֶען טַאקֶע נַארִישְׁקֵייטְן, אָבֶּער עֶס אִיז דָא זַאכְן וָואס אִיז יָא אַ מְצִיאוּת אוּן מֶענְטְשְׁן מַאכְן זִיךְ נִישְׁט וִויסְנְדִיג דֶערְפוּן.

צוּם בֵּיישְׁפִּיל, עֶס אִיז נָאר דָא אַ גֶעוִויסֶע סְכוּם גֶעז אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן אַנְשְׁטָאט אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶס זָאל זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְנוּצְן - נוּצְט מֶען עֶס אָן אַ חֶשְׁבּוֹן. יֶעדֶעס מָאל אִיךְ פִּיל אָן דִי טַאנְק פוּן מַיין קַאר מִיט גֶעז - דְרוּקְט מִיר דִי הַארְץ אוֹיף דֶעם, אוֹיךְ מַאכְט עֶס פַארְפֶּעסְטֶעט דִי לוּפְט מִיט פָּאלוּשְׁן; מֶענְטְשְׁן אָטֶעמֶען עֶס אַרַיין אוּן נָאכְדֶעם וואוּנְדֶערְט מֶען זִיךְ אַז עֶס אִיז דָא אַזוֹיפִיל מַחְלוֹת לֹא עָלֵינוּ.

אַן עֶלֶעקְטְרִיק קַאר אִיז נָאךְ פִיל עֶרְגֶער, וַוייל וֶוען מֶען עֶנְדִיגְט נוּצְן דִי בֶּעטֶערִי מַאכְט עֶס אַ מוֹרָא'דִיגֶע חוּרְבָּן אוֹיף דִי עֶנְוֵוייְרָאמֶענְט.

דָאס קֶען מֶען פַאקְטִיש זֶען אַז דִי וֶועלְט וֶוערְט אַלְץ מֶער וַוארֶעמֶער, אוּן עֶס קוּמְט לֶעצְטְנְס מֶער הָארִיקֶעינְס אוּן עֶרְד צִיטֶערְנִישְׁן צוּלִיבּ דֶעם. לֶעצְטֶע יָאר, וֶוען עֶס אִיז גֶעוֶוען דִי קָארָאנֶע צַייט, הָאט מֶען גֶעזֶען בְּחוּשׁ אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען מֶער אַ קֶעלְטֶערֶע ווִינְטֶער, דָאס אִיז גֶעוֶוען וַוייל מֶען הָאט נִישְׁט גֶענוּצְט אַזוֹיפִיל קַארְס אוּן עֶרָאפְּלַאנֶען.

אוֹיךְ פְּלֶעסְטִיק נוּצְט מֶען אוֹיס אָן אַ חֶשְׁבּוֹן, און מֶען פַארְדַארְבְּט די עֶנְוַוייְרָאמֶענְט מִיט דֶעם. מֶען וַוארְפְט אַזוֹי סַאךְ פְּלֶעסְטִיק אִין דִי מִיסְט אַז אֵיין טָאג וֶועט עֶס וֶועט נִישְׁט זַיין מֶער קַיין פְּלֶעסְטִיק וֶועט מֶען זִיךְ רַייסְן דִי הָאר פוּן קָאפּ.

אוֹיךְ הַאקְט מֶען אוֹיס גַאנְצֶע וֶועלְדֶער פוּן בֵּיימֶער צוּ בּוֹיעֶן הַייזֶער, וָואס דִי בֵּיימֶער פֶּעלְט אַזוֹי וִויכְטִיג אוֹיס פַאר דִי וֶועלְט; סֵיי פַאר דִי אַקְסִידְזְשֶׁען און סֵיי פַאר דִי חַיוֹת, זֵיי זָאלְן הָאבְּן וואו צוּ וואוֹינֶען.

אִיךְ זֶע אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה רֶעדְט אַזוֹיפִיל דְרָשׁוֹת, און עֶס קוּמְט אָן צוּ אַזוֹי סַאךְ מֶענְטְשְׁן, הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה קֶען רֶעדְן אוֹיךְ פוּן דֶעם; מֶענְטְשְׁן זָאלְן וִויסְן אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן און נִישְׁט צוּגְרוּנְד לֵייגְן דִי וֶועלְט.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, ח' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בַּארוּאִיג זִיךְ, דִי וֶועלְט פַאלְט נִישְׁט צַאם, עֶס אִיז דָא אַ בַּעַל הַבַּיִת וָואס גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף דִי וֶועלְט; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט, עֶר הַאלְט דִי וֶועלְט, עֶר פִירְט עֶס הֶערְלִיךְ שֵׁיין, און דִי וֶועלְט וֶוערְט אַלְץ שֶׁענֶער און שֶׁענֶער.

אַזוֹי הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רלז; סִימָן שז) אִין אָנְהוֹיבּ אִיז דִי וֶועלְט גֶעוֶוען פוּסְט און וִויסְט, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין תּוֹרָה, נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה; עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען גֶעצְנְדִינֶער, מֶען הָאט גֶעדִינְט עֲבוֹדָה זָרָה; בִּיז שְׁפֶּעטֶער אִיז גֶעקוּמֶען אַבְרָהָם אָבִינוּ, עֶר הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶוען פַאר אַלֶעמֶען אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דִי וֶועלְט; עֶר פִירְט דִי וֶועלְט, עֶר טוּט אַלֶעס, עֶר מַאכְט אַלֶעס און עֶר אִיז אַלֶעס.

שְׁפֶּעטֶער אִיז גֶעוֶוען מַתַּן תּוֹרָה, אִיז דִי וֶועלְט גֶעוָוארְן נָאךְ שֶׁענֶער, נָאכְדֶעם זֶענֶען גֶעקוּמֶען דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים - אִיז דִי וֶועלְט גֶעוָוארְן נָאךְ שֶׁענֶער, דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט: "און אַזוֹי גֵייט עֶס וַוייטֶער און וַוייטֶער,

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִּירְט דִי וֶועלְט שֶׁענֶער אוּן שֶׁענֶער", אוּן עֶס אִיז נַארִישׁ צוּ רֶעדְן דִי אַלֶע זַאכְן וָואס דִי אוּמּוֹת הָעוֹלָם רֶעדְן, אַז דִי וֶועלְט גֵייט אוּנְטֶערְגֵיין; דִי אַלֶע וָואס זָאגְן אַז דִי וֶועלְט גֵייט צַאמְפַאלְן צוּלִיבּ דִי זַאכְן וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט וְכַדוֹמֶה - דָאס קוּמְט פוּן חִסָרוֹן אֱמוּנָה.

לֵייג זִיךְ אַרַיין אִין אֱמוּנָה - וֶועסְטוּ נִישְׁט הָאבְּן קַיין שׁוּם פְּחָדִים. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן ה): "הָעִקָּר הוּא הָאֱמוּנָה, וְצָרִיךְ כָּל אֶחָד לְחַפֵּשׂ אֶת עַצְמוֹ, וּלְחַזֵּק אֶת עַצְמוֹ בֶּאֱמוּנָה", דֶער עִיקָר אוֹיף וָואס אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אַרְבֶּעטְן צוּצוּקוּמֶען - אִיז אֱמוּנָה, "כִּי יֵשׁ סוֹבְלֵי חֳלָאִים, שֶׁיֵּשׁ לָהֶם מַכּוֹת מֻפְלָאוֹת, וְהֵם סוֹבְלִים הֶחֳלָאִים רַק בִּשְׁבִיל נְפִילַת הָאֱמוּנָה", וַוייל עֶס זֶענֶען דָא זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן מַחְלוֹת, אוּן זֵיי לַיידְן פוּן דֶעם נָאר וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה; דָאס גֵייט אַרוּיף אוֹיף יִסּוּרֵי הַנֶּפֶשׁ וָואס מֶענְטְשְׁן לַיידְן זִיךְ נֶעבֶּעךְ צַאם. זָאגְט דֶער רֶבִּי וַוייטֶער: "כִּי עַל יְדֵי נְפִילַת הָאֱמוּנָה, בָּאִים מַכּוֹת מֻפְלָאוֹת שֶׁאֵין מוֹעִיל לָהֶם - לֹא רְפוּאוֹת, וְלֹא תְּפִלָּה, וְלֹא זְכוּת אָבוֹת", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה אוּן עֶר לַיידְט נֶעבֶּעךְ פוּן דִי מַחְלוֹת וָואס קוּמְט פוּן חִסָרוֹן אֱמוּנָה, דַאן הֶעלְפְּט אִים נִישְׁט קַיין רְפוּאוֹת, עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין תְּפִלָּה אוּן אוֹיךְ נִישְׁט זְכוּת אָבוֹת. דָאס גֵייט אַרוּיף אוֹיף דִי יְסוּרִים וָואס מֶענְטְשְׁן מַאכְן נֶעבֶּעךְ מִיט פוּן אַלֶע סָארְט פְּחָדִים, דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע רְפוּאָה אוֹיף דֶעם אִיז אֱמוּנָה.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ דִי אֱמוּנָה, עֶר וֵוייסְט אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דִי וֶועלְט אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז 'מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין, וְסוֹבֵב כָּל עָלְמִין, וּבְתוֹךְ כָּל עָלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת בִּלְעָדָיו יִתְבָּרַךְ כְּלָל', - דַאן לֶעבְּט עֶר אַ רוּאִיג לֶעבְּן.

מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט פַארְפַאסְט אַ נִיגוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער וֶוען עֶר פְלֶעגְט גֵיין אִין וַואלְד רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; עֶס אִיז אִים גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוֶוער אִין אָנְהוֹיבּ, עֶר הָאט מוֹרָא גֶעהַאט צוּ זַיין אַלֵיינְס אִין וַואלְד, פוּן דִי חַיּוֹת וְכוּ', הָאט עֶר זִיךְ אוּנְטֶער גֶעזִינְגֶען דִי וֶוערְטֶער: "מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין, וְסוֹבֵב כָּל עָלְמִין, וּבְתוֹךְ כָּל עָלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת בִּלְעָדָיו יִתְבָּרַךְ כְּלָל, וּבְכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה שָׁם אַלּוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם", עֶר הָאט דָאס גֶע'חַזֶר'ט אָן אַ

שִׁיעוּר, בִּיז עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שׁוּם פַּחַד פוּן קֵיינֶעם, פוּן דֶעם אִיז גֶעוָוארְן דִי שֵׁיינֶע נִיגּוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (אָבוֹת א, ב): "עַל שְׁלֹשָׁה דְבָרִים הָעוֹלָם עוֹמֵד", דִי וֶועלְט שְׁטֵייט אוֹיף דְרֵיי זַאכְן, "עַל הַתּוֹרָה וְעַל הָעֲבוֹדָה וְעַל גְּמִילוּת חֲסָדִים"; אִידִישֶׁע קִינְדֶער קֶענֶען הֶעלְפְן דִי וֶועלְט זָאל שְׁטֵיין דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה, מֶען דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען טוּט חֶסֶד מִיט אַנְדֶערֶע. אַזוֹי אוֹיךְ קֶען מֶען הֶעלְפְן דִי וֶועלְט זָאל נִישְׁט אוּנְטֶערְגֵיין דוּרְכ'ן הֶעלְפְן בּוֹיעֶן מוֹסְדוֹת הַתּוֹרָה, חֲדָרִים, יְשִׁיבוֹת אוּן מֵיידְל שׁוּלֶע'ס, וַוייל אוֹיף דִי תּוֹרָה פוּן דִי קִינְדֶער שְׁטֵייט דִי וֶועלְט, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קיט:): "אֵין הָעוֹלָם מִתְקַיֵּם אֶלָּא בִּשְׁבִיל הֶבֶל תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן", דִי וֶועלְט קֶען נִישְׁט אָנְגֵיין נָאר אַז קִינְדֶער לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זָאל אִיךְ קוֹיפְן דִי לַאטֶערִי?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן צְוֵויי קְלֵיינֶע שְׁאֵלוֹת, אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה קֶען מִיר בִּיטֶע עֶרְקְלֶערְן אוּן עֶנְטְפֶערְן.

א. אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט אִין אֲשֶׁר בַּנַּחַל חֵלֶק ו' מִכְתָּב תשי"ב, מוֹהֲרַא"שׁ שְׁרַייבְּט דָארְט: "עַל כָּל דָּבָר שֶׁצָּרִיךְ לִפְעֹל, יִשְׁפֹּךְ תְּפִלּוֹת בְּעוֹשֶׁר אֵלָיו יִתְבָּרַךְ, תְּפִלָּה אַחַר תְּפִלָּה, עַד שֶׁיִּזְכֶּה וְכוּ'"; הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וָואס אִיז פְּשַׁט פוּן יִשְׁפֹּךְ תְּפִלּוֹת בְּעוֹשֶׁר.

ב. וָואס הַאלְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וֶועגְן קוֹיפְן דִי לַאטֶערִי?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר'ן מִיר גֶעבְּן אָטֶעם צוּם לֶעבְּן; מֶען קֶען דָאס לֵיינֶען אוֹיף צְוֵויי וֶועגְן, אֵיינְס, 'אָטֶעם' - לוּפְט צוּ אָטֶעמֶען; אוּן נָאךְ אַ וֶועג 'אַ טַעַם'. אוּן בֵּיידֶע זֶענֶען רִיכְטִיג.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, י' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז דוּ הָאסְט אַ שִׁיעוּר אִין סֵפֶר הַקָדוֹשׁ אֲשֶׁר בַּנַחַל; וֶוער עֶס לֶערְנְט אֲשֶׁר בַּנַחַל וֶועט אַלְץ הָאבְּן חִיזוּק, עֶר וֶועט אַלְץ בֶּענְקֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַזַא סֵפֶר וָואס זָאל אַזוֹי מְחַזֵק זַיין אוּן מְעוֹדֵד זַיין וִוי דֶער סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַחַל.

דֶער לָשׁוֹן וָואס מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט: "עַל כָּל דָבָר שֶׁצָּרִיךְ לִפְעֹל, יִשְׁפֹּךְ תְּפִלּוֹת בְּעשֶׁר אֵלָיו יִתְבָּרַךְ, תְּפִלָּה אַחַר תְּפִלָּה", אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען וִויל פּוֹעֵל'ן זָאל מֶען גִיסְן תְּפִילוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּעֲשִׁירוּת; דָאס אִיז אַ חֲזַ"ל, דִי תּוֹרָה זָאגְט (בְּרֵאשִׁית כה, כא): "וַיֶּעְתַּר יִצְחָק לַה' לְנֹכַח אִשְׁתּוֹ", יִצְחָק אָבִינוּ הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר קִינְדֶער, זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (בְּרֵאשִׁית רַבָּה סג, ה) עֶס שְׁטֵייט אַ לָשׁוֹן 'וַיֶּעְתַּר', עֶס שְׁטֵייט נִישְׁט 'וַיִּתְפַּלֵּל' אָדֶער אַן אַנְדֶערֶע לָשׁוֹן פוּן תְּפִלָּה, "רַבִּי יוֹחָנָן אָמַר שֶׁשָּׁפַךְ תְּפִלּוֹת בְּעשֶׁר", 'וַיֶּעְתַּר' אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן עֲשִׁירוּת, עֶר הָאט גֶעגָאסְן תְּפִילוֹת אַזוֹי וִוי אַן עוֹשֶׁר; אַן עוֹשֶׁר הָאט אִין יֶעדֶע טַאשׁ גֶעלְט, וֶוען מֶען בֶּעט אִים גֶעלְט נֶעמְט עֶר אוּן גִיסְט גֶעלְט, וָואס עֶר דַארְף - גִיסְט זִיךְ גֶעלְט, אַזוֹי הָאט יִצְחָק אָבִינוּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס הָאט זִיךְ גֶעגָאסְן תְּפִילוֹת פוּן אִים, נָאךְ אוּן נָאךְ אוּן נָאךְ.

בְּנוֹגֵעַ לַאטֶערִי; קוֹיף נִישְׁט קַיין לַאטֶערִי, עֶס אִיז אַ שָׁאד דִי דָאלֶער, אַ שָׁאד יֶעדֶע פְּרוּטָה וָואס מֶען לֵייגְט אַרַיין אִין דֶעם; אַז דוּ ווִילְסְט שֶׁפַע - זָאלְסְטוּ טוּן וָואס מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט: "עַל כָּל דָבָר שֶׁצָּרִיךְ לִפְעֹל, יִשְׁפֹּךְ תְּפִלּוֹת בְּעשֶׁר אֵלָיו יִתְבָּרַךְ, תְּפִלָּה אַחַר תְּפִלָּה, עַד שֶׁיִּזְכֶּה וְכוּ'", בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם גֶעבּ מִיר פַּרְנָסָה, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען מְפַרְנֵס זַיין מַיין שְׁטוּבּ, מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער"; בֶּעט אוּן בֶּעט אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל,

אַ צְוֵויטֶע מָאל, און אַ דְרִיטֶע מָאל, אָן אַ שִׁיעוּר; אַזוֹי וִוי אַן עוֹשֶׁר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זָאל אִיךְ אָנְטְרָאגְן אַ שִׁידוּךְ פַּאר אַ מֵיידְל וָואס אִיז דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען אַ פְּרָאבְּלֶעם?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ פְּרוּבִּיר דִי לֶעצְטֶע שְׁטִיק צַייט צוּ הֶעלְפְן מֶענְטְשְׁן מִיט שִׁידוּכִים. מַיין וַוייבּ הָאט אַ גוּטֶע חַבֶר'טֶע, אַכְצְן יָאר אַלְט, וָואס אִיז גֶעוָוארְן גֶעטְשֶׁעפֶּעט דוּרְךְ אִיר בְּרוּדֶער וֶוען זִי אִיז גֶעוֶוען בְּעֶרֶךְ צְוֶועלְף-דְרַייצְן יָאר אַלְט. מַיין שְׁאֵלָה אִיז צִי אִיךְ מֶעג אָנְטְרָאגְן אַ שִׁידוּךְ פַּאר אִיר? אַפָּאר מָאל זָאגְט זִי אַז זִי וִויל נִישְׁט חֲתוּנָה הָאבְּן, אוּן אַפָּאר מָאל זָאגְט זִי אַז זִי הַאלְט נִישְׁט אוֹיס אַז זִי אִיז נָאכְנִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט.

אוֹיבּ אִיךְ וֵוייס אַז עֶס אִיז דָא עֶפֶּעס אַ פְּרָאבְּלֶעם דָא, וֵוייס אִיךְ נִישְׁט אוֹיבּ אִיךְ מֶעג אַרַיינְנַארְן אַ מֶענְטְשׁ; וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג?

אִיךְ מֵיין אַז דִי מֵיידְל דַארְף גֵיין פַּאר הִילְף, אוּן עֶס אִיז בֶּעסֶער אוֹיבּ זִי גֵייט פַּאר אִיר חֲתוּנָה.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת בְּשַׁלַח, י' שְׁבָט, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

אוֹיבּ זִי וִויל חֲתוּנָה הָאבְּן - דַארְף זִי נִישְׁט קַיין הִילְף; אוֹיבּ זִי וִויל נִישְׁט חֲתוּנָה הָאבְּן, זִי הָאט מוֹרָא פוּן אַ מַאן וְכוּ', - דֶעמָאלְט וֶועט נִישְׁט הֶעלְפְן קַיין הִילְף.

זָאג דַיין וַוייבּ זִי זָאל רֶעדְן צוּ אִיר קְלָארֶע וֶוערְטֶער, אִיר פְרֶעגְן: "הָאסְט מוֹרָא חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן? ווִילְסְט חֲתוּנָה הָאבְּן?"

יֶעצְט זֶעסְטוּ אַבִּיסְל וָואס גֵייט פָּאר אִין דִי וֶועלְט, וִוי מֶען דַארְף רֶעדְן צוּ קִינְדֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען יוּנְג זֵיי זָאלְן זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן; דִי וֶועלְט אִיז אַזוֹי גֶעפַאלְן אַז אַ בְּרוּדֶער זָאל טְשֶׁעפֶּען אַ שְׁוֶועסְטֶער הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז הִיטְן פוּן מְנֻוָּלִים.

...

## זָאל אִיךְ לָאזְן מַיין טָאכְטֶער אָנְטוּן אַ שֵׁייטְל נָאךְ דִי חֲתוּנָה?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט אַ יְיַשֵׁר כֹּחַ אוֹיף דִי פִּילֶע חִיזוּק וָואס מִיר בַּאקוּמֶען פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן לְגַבֵּי דִי נוֹשֵׂא פוּן כִּסּוּי הָרֹאשׁ נָאךְ דִי חֲתוּנָה, אִיךְ הָאבּ פַארְשְׁטַאנֶען פוּן מַיין טָאכְטֶער אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה רֶעדְט שַׁארְף אוֹיף דִי נוֹשֵׂא אַז פְרוֹיעֶן זָאל זִיךְ אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה, אוּן פוּן דִי צְוֵוייטֶע זַייט וֶועגְן אַ שֵׁייטְל זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אַז דֶער עִיקָּר אִיז עֶס זָאל נִישְׁט זַיין צוּ לַאנְג.

מַיין טָאכְטֶער אִיז אַ כַּלָּה, זִי אִיז גֶעוֶוען מְסוּפָּק וִוי אַזוֹי צוּ גֵיין נָאךְ דִי חֲתוּנָה; וֶוען זִי הָאט גֶעהֶערְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאגְט אַז אַ שֵׁייטְל אִיז אוֹיךְ גוּט, הָאט זִי מַחְלִיט גֶעוֶוען צוּ גֵיין מִיט אַ שֵׁייטְל אוּן אַ קְלֵיינֶע בֶּענְד אוֹיף דֶעם. מִיר זֶענֶען שׁוֹין גֶעגַאנְגֶען אָפְּמֶעסְטְן שֵׁייטְלֶען, אוּן זֵייעֶנְדִיג דָארְט הֶער אִיךְ פוּן דִי שֵׁייטְל מַאכֶערְן וִוי אַזוֹי זִי דֶערְצֵיילְט אִיבֶּער דִי הָאר, פוּן וואוּ עֶס קוּמְט; אוּן אִיךְ טְרַאכְט צוּ זִיךְ, מַיין טָאכְטֶער הָאט אַ שְׁאִיפָה זִיךְ אָפְּצוּשֶׁערְן - כְּדֵי צוּ לֵייגְן אוֹיף זִיךְ הָאר פוּן אַ גוֹי'טֶע?! אוּן וִוי אַזוֹי קֶען זַיין אַז מִיר דֶעקְן צוּ דִי הָאר מִיט הָאר? אוּן דִי שֵׁייטְל מַאכֶערְן עֶרְקְלֶערְט נָאךְ אַז אַסַאךְ מָאל זֶעט דִי שֵׁייטְל אוֹיס נָאךְ שֶׁענֶער פוּן דִי אֵייגֶענֶע הָאר, מִיט דִי אַלֶע הַיינְטִיגֶע חִידוּשִׁים; אוֹיבּ אַזוֹי וָואס אִיז אִינְטֶערֶעסַאנְט דִי גַאנְצֶע זַאךְ?

אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן צוּ פַארְשְׁטֵיין דִי נוֹשֵׂא קְלָארֶער; קֶען זַיין אַז מַיין טָאכְטֶער הָאט נִישְׁט גוּט פַארְשְׁטַאנֶען דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה'ס מֵיינוּנְג אִין דִי נוֹשֵׂא?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, י"ד שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַייעֶר טָאכְטֶער וִויל זַיין עֶרְלִיךְ, זִי אִיז גְרֵייט זִיךְ אָפְּצוּשֶׁערְן אִיר הָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה.

בְּנוֹגֵעַ גֵיין מִיט אַ שֵׁייטְל; עֶס אִיז דָא אַ גְרוֹיסֶע מַחֲלֹקֶת אִין דִי פּוֹסְקִים אוֹיבּ אַ שֵׁייטְל אִיז מוּתָּר אָדֶער אָסוּר, עֶס זֶענֶען דָא וָואס אַסְרְ׳ן אוּן עֶס זֶענֶען דָא וָואס זֶענֶען מַתִּיר, יֶעדֶער זָאל גֵיין לוֹיט זַיין מִנְהָג, אִיךְ מִישׁ זִיךְ נִישְׁט אִין דֶעם; אָבֶּער דָאס אִיז זִיכֶער, ווִי אֵיידֶער צוּ גֵיין מִיט דִי אֵייגֶענֶע הָאר אִיז עֶנְדֶערְשׁ צוּ גֵיין מִיט אַ שֵׁייטְל. וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי זָאגְט (נָשֹׂא קכה:): 'תּוּנְבָּא לֵיתֵי', אַ קְלָלָה זָאל קוּמֶען, 'עַל הַהוּא בַּר נָשׁ', אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ, 'דְּשָׁבַק לְאִנְתְּתֵיהּ', וָואס לָאזְט זַיין וַוייבּ, 'דְּתִתְחֲזֵי מִשַּׂעֲרָא דְּרֵישָׁהּ לְבַר', אַז אִיר הָאר פוּן קָאפּ זָאל זִיךְ אַרוֹיסְזֶען. 'וְדָא הוּא חַד מֵאִינּוּן צְנִיעוּתָא דְּבֵיתָהּ', אוּן דָאס אִיז פוּן דִי יְסוֹדוֹת פוּן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, אַז מֶען זָאל נִישְׁט זֶען דִי הָאר פוּן דִי פְּרוֹי. 'וְאִתְּתָא דְּאַפִּיקַת מִשַּׂעֲרָא דְּרֵישָׁהּ לְבַר', אוּן אַ פְּרוֹי וָואס גֵייט מִיט אוֹיפְגֶעדֶעקְטֶע הָאר, 'לְאִתְתַּקְּנָא בֵּיהּ', זִיךְ שֵׁיין צוּ מַאכְן, 'גָּרִים מִסְכְּנוּתָא לְבֵיתָא', אִיז זִי גוֹרֵם אַז עֶס זָאל זַיין אָרֶעמְקֵייט אִין שְׁטוּבּ, 'וְגָרִים לִבְנָהָא דְּלָא יִתְחַשְׁבוּן בְּדָרָא', אוּן זִי אִיז גוֹרֵם אַז אִירֶע קִינְדֶער וֶועלְן נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין אוּן זֵיי וֶועלְן נִישְׁט זַיין חָשׁוּב. 'וְגָרִים מִלָּה אַחֲרָא דְּשַׁרְיָא בְּבֵיתָא', אַזוֹי אוֹיךְ אִיז זִי גוֹרֵם אַז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם אוּן דִי נִישְׁט גוּטֶע זָאלְן זַיין אִין אִיר שְׁטוּבּ. 'מַאן גָּרִים דָא', וֶוער אִיז דָאס אַלֶעס גוֹרֵם? 'הַהוּא שַׂעֲרָא דְּאִתְחֲזֵי מֵרֵישָׁהּ לְבַר', דִי פְּרוֹי וָואס אִיר הָאר זֶעט זִיךְ אַרוֹיס; אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז פַארְקֶערְט אִיז נָאךְ מֶער; אַ פְּרוֹי וָואס גֶעבְּט אַכְטוּנְג אַז אִירֶע הָאר זָאל זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיסְזֶען - וֶועט הָאבְּן אַלֶע בְּרָכוֹת אוּן זִי וֶועט הָאבְּן נַחַת פוּן אִירֶע קִינְדֶער.

דֶערְפַאר הָאבְּן גְרוֹיסֶע צַדִיקִים אוּן גְרוֹיסֶע פּוֹסְקִים מַתִּיר גֶעוֶוען צוּ גֵיין

מִיט אַ שֵׁייטְל אַבִּי אִידִישֶׁע פְּרוֹיעֶן זָאלְן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן זֵייעֶר הָאר, צוּ וֶוערְן גֶערַאטֶעוֶועט פוּן דִי קְלָלוֹת רַחֲמָנָא לִצְּלָן.

אוֹיךְ אִיז בַּאקַאנְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמַאר רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט מֶען זָאל זִיךְ אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר אוּן גֵיין מִיט אַ טִיכְל, אָבֶער וֶוען עֶר אִיז גֶעוָוארְן רַב אִין שְׁטָאט סַאטְמַאר אוּן עֶר הָאט גֶעזֶען וָואס טוּט זִיךְ דָארְט, אַז פְּרוֹיעֶן בְּלַייבְּן מִיט דִי הָאר, זֵיי שֶׁעמֶען זִיךְ וְכוּ׳, הָאט עֶר מַתִּיר גֶעוֶוען פַאר פְּרוֹיעֶן צוּ גֵיין מִיט אַ שֵׁייטְל אַבִּי זֵיי זָאלְן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן. וֶוען עֶר הָאט גֶערֶעדְט דִי דְרָשׁוֹת בַּיי זִיךְ אִין שׁוּל פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים, דָארְט הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן מֶען זָאל זִיךְ אָנְטוּן אַ טִיכְל, אָבֶער וֶוען עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען גֶעבְּן דִי דְרָשָׁה בַּיי דִי שְׁטָאטִישֶׁע שׁוּל - דָארְט הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן דִי פְּרוֹיעֶן זֵיי זָאלְן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן אוּן זִיךְ אָנְטוּן שֵׁייטְלֶעךְ, אַבִּי נִישְׁט צוּ גֵיין מִיט דִי אֵייגֶענֶע הָאר.

זַייט מְחַזֵּק אַייעֶר טָאכְטֶער דִי כַּלָּה אַז זִי גֵייט טוּן אַזַא גְרוֹיסֶע זַאךְ, זִי גֵייט זִיךְ אָפְּשֶׁערְן, אוּן זָארְגְט נִישְׁט אַז זִי גֵייט מִיט אַ שֵׁייטְל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### ווִי הַארְבּ אִיז דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער ראש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי שְׁטֶענְדִיגֶע חִיזוּק, אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אִיבֶּער דִי הַארְבְּקֵייט פוּן פְּגַם הַבְּרִית, אוֹיבּ אִיז דָאס אַ לַאו אָדֶער אַן עֲשֵׂה?

אַסַאךְ מָאל בּוּזְשֶׁעוֶוען בַּיי מִיר אִין קָאפּ מַחֲשָׁבוֹת אַז אִיךְ זָאל זִיךְ נָאר אֵיין מָאל נָאכְגֶעבְּן דִי שְׁלֶעכְטֶע תַּאֲווֹת, אוּן נָאכְדֶעם וֶועט מִיר וֶוערְן גְרִינְגֶער, ווִי אַזוֹי שְׁטַארְקְט מֶען זִיךְ אוֹיף דֶעם?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, י"ד שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

קוּק אַרַיין אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אֶבֶן הָעֶזֶר סִימָן כג, סְעִיף א-ב): "אָסוּר לְהוֹצִיא שִׁכְבַת זֶרַע לְבַטָּלָה, וְעָוֹן זֶה חָמוּר מִכָּל עֲבֵרוֹת שֶׁבַּתּוֹרָה", דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן - אִיז הַארְבֶּער פוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת אִין דִי תּוֹרָה, "אֵלּוּ שֶׁמְּנָאֲפִים בַּיָּד וּמוֹצִיאִים שִׁכְבַת זֶרַע, לֹא דַּי לָהֶם שֶׁאִסּוּר גָּדוֹל הוּא, אֶלָּא שֶׁהָעוֹשֶׂה זֶה, בְּנִדּוּי הוּא יוֹשֵׁב", דִי וָואס טוּעֶן דִי עֲבֵירָה, אוֹיסֶער דִי גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה וָואס מֶען הָאט - אִיז מֶען אִין חֵרֶם, אוּן אוֹיף זֵיי וֶוינְט דֶער נָבִיא (יְשַׁעְיָה א, טו): "יְדֵיכֶם דָּמִים מָלֵאוּ", עֶנְקֶערֶע הֶענְט זֶענֶען אָנְגֶעפוּלְט מִיט בְּלוּט, "וּכְאִלּוּ הָרַג הַנֶּפֶשׁ", עֶס אִיז אַזוֹי וִוי הַרְגְ'נֶען מֶענְטְשְׁן.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (נִדָּה יג:): "כָּל הַמּוֹצִיא שִׁכְבַת זֶרַע לְבַטָּלָה חַיָּיב מִיתָה", דֶער וָואס זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית, עֶר אִיז מוֹצִיא זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן - אִיז חַיָּיב מִיתָה. נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (שָׁם): "כְּאִילוּ שׁוֹפֵךְ דָּמִים", וֶוער עֶס זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית, עֶר אִיז מוֹצִיא זֶרַע לְבַטָּלָה, אִיז אַזוֹי וִוי אֵיינֶער אִיז עוֹבֵר אוֹיף רְצִיחָה אוּן שְׁפִיכוּת דָּמִים, עֶר הַרְגְ'ט אוֹיס זַיינֶע קִינְדֶער; וַוייל יֶעדֶע טִפָּה אִיז אַ גַאנְצֶע מֶענְטְשׁ, אַזוֹי אוֹיךְ: "כְּאִילוּ עוֹבֵד עֲבוֹדַת כּוֹכָבִים", עֶס אִיז אַזוֹי וִוי עֶר דִינְט עֲבוֹדָה זָרָה רַחֲמָנָא לִצְלָן.

עֶס זֶעט אוֹיס וִוי בַּיי דִיר אִיז דִי גַאנְצֶע זַאךְ אַ גֶעלֶעכְטֶער; עֶס אִיז גָארְנִישְׁט קַיין גֶעלֶעכְטֶער, אַלֶע צָרוֹת אוּן יִסוּרִים וָואס מֶענְטְשְׁן לַיידְן אִיז אַלֶעס פוּן דִי עֲבֵירָה, דִי עֲבֵירָה אִיז מְעַכֵּב דִי גְאוּלָה שְׁלֵימָה. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (נִדָּה יג.): "כָּל הַמּוֹצִיא זֶרַע לְבַטָּלָה", וֶוער עֶס טוּט דִי עֲבֵירָה, "כְּאִילוּ מֵבִיא מַבּוּל לָעוֹלָם", אִיז אַזוֹי וִוי עֶר בְּרֶענְגְט אַ מַבּוּל אוֹיף דִי וֶועלְט; וַוייל עֶר מֶעקְט אָפּ גַאנְצֶע דוֹרוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, יֶעדֶע טִפָּה אִיז אַ קוֹמָה שְׁלֵימָה, אַזוֹי וִוי בַּיים מַבּוּל אִיז אַלֶעס חָרוּב גֶעוָוארְן - אַזוֹי אוֹיךְ מַאכְט עֶר אַלֶעס חָרוּב.

מֶען פַארְלִירְט אַלֶעס דוּרְךְ דִי עֲבֵירָה, נִישְׁט נָאר יֶענֶע וָועלְט נָאר אֲפִילוּ דִי וֶועלְט פַארְלִירְט מֶען. אַזוֹי וִוי דֶער מְחַבֵּר זָאגְט (אוֹרַח חַיִּים סִימָן רמ, סְעִיף יד): "זִקְנָה קוֹפֶצֶת עָלָיו", מֶען וֶוערְט אָפְּגֶעשְׁוַואכְט און פַארְעֶלְטֶערְט, "וְכֹחוֹ תָּשַׁשׁ", מֶען פַארְלִירְט דִי כֹּחוֹת. אַזוֹי אוֹיךְ, "עֵינָיו כֵּהוֹת", דִי אוֹיגְן וֶוערְן אִים אָפְּגֶעשְׁוַואכְט, "וְרֵיחַ רַע נוֹדֵף מִפִּיו", עֶס הוֹיבְּט אָן גֵיין אַ שְׁלֶעכְטֶע גֶערוּךְ פוּן זַיין מוֹיל, "וְשַׂעַר רֹאשׁוֹ וְגַבּוֹת עֵינָיו וְרִיסֵי עֵינָיו נוֹשְׁרִים וְכוּ'", דִי הָאר פוּן קָאפּ אוּן פוּן דִי אוֹיגְן בְּרֶעמֶען פַאלְט אַרוֹיס, "וְהַרְבֵּה כְּאֵבִים חוּץ מֵאֵלּוּ בָּאִים עָלָיו", אוּן עֶס בְּרֶענְגְט אוֹיף אִים נָאךְ אַסַאךְ וֵוייטָאגְן.

...

## דַארְף אִיךְ הָאבְּן לֵייף אִינְשׁוּרֶענְס?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ טַאטֶע פוּן דְרֵיי קִינְדֶער, דַארְף אִיךְ הָאבְּן לֵייף אִינְשׁוּרֶענְס?

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, ט"ז שבט, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרַט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

הֶעלְטְ"ה אִינְשׁוּרֶענְס אִיז וִויכְטִיג צוּ הָאבְּן, אוֹיךְ אַז מֶען הָאט אַן אֵייגֶענֶע דִירָה אִיז וִויכְטִיג צוּ מַאכְן פֵייעֶר אִינְשׁוּרֶענְס; לֵייף אִינְשׁוּרֶענְס - פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס.

דִי בֶּעסְטֶע לֵייף אִינְשׁוּרֶענְס אִיז וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ח.): "לְעוֹלָם יַשְׁלִים אָדָם פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם, שֶׁכָּל הַמַּשְׁלִים פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר מַאֲרִיכִין לוֹ יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו", וֶוער עֶס לֶערְנְט דִי פַּרְשָׁה יֶעדֶע וָואךְ, צְוֵויי מָאל דִי חוּמָשׁ אוּן אֵיין מָאל תַּרְגּוּם - וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ אֲרִיכוּת יָמִים וְשָׁנִים.

מוֹהֲרָא״ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט, מֶענְטְשְׁן זוּכְן פוּן אוּנְטֶער דֶער עֶרְד סְגוּלוֹת פַאר אֲרִיכוּת יָמִים, קֵיינֶעם פַאלְט נִישְׁט בֵּיי צוּ טוּן דִי סְגוּלָה וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים גֶעבְּן אוּנְז; עֶס אִיז נִישְׁט נָאר אַ סְגוּלָה, עֶס אִיז אַ מִצְוָה, אַ חִיוּב - מְדְּרַבָּנָן, און עֶס בְּרֶענְגְט צוּ גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

## אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין בַּאקוּמֶען גוּטֶע גְרוּסְן פוּן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, ח׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיינֶע טֵייעֶרֶע חֲבֵרִים, אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם, ה׳ עֲלֵיהֶם יִחְיוּ**

אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין בַּאקוּמֶען גוּטֶע גְרוּסְן פוּן דִי שׁוּל; אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה אַז דֶער שׁוּל אִיז אַ פְּלַאץ וָואס מַאכְט שֵׁיין דֶעם רֶבִּינְ׳ס נָאמֶען, צוּבִּיסְלִיךְ וֶוערְן מְקוּרָב נָאךְ אוּן נָאךְ מֶענְטְשְׁן, מֶען זֶעט דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס פְּלַאץ.

אִיךְ שִׁיק אַייךְ אַ בְּרִיוו וָואס אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען דִי וָואךְ, אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶּה גֶעוֶוען מִיט דִי בְּרִיוו, וַוייל יֶענֶער שְׁרַייבְּט קְלָאר עֶס אִיז אִים נִמְאָס גֶעוָוארְן אִין בְּרֶסְלֶב פוּן דִי אַלֶע מַחֲלֹקֶת׳עֶר, עֶר הָאט גֶעזוּכְט אַ פְּלַאץ אָן קַיין פָּאלִיטִיק, עֶר אִיז זִיךְ מְחַיֶּה צוּ דַאוֶוענֶען בַּיי אוּנְז אִין שׁוּל.

הַיינְט בִּין אִיךְ אוּיפְגֶעשְׁטַאנֶען מִיט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע חָלוֹם, ווִי אִיךְ בִּין נָאכְאַמָאל אִין יְרוּשָׁלַיִם; אִיךְ הָאף דֶער חָלוֹם וֶועט מְקוּיָם וֶוערְן, אִיךְ וֶועל בְּקָרוֹב זַיין מִיט אַייךְ.

דָא הָאט אִיר דֶעם בְּרִיוו:

לְכָבוֹד...

אִיךְ בִּין אַ אִינְגֶערְמַאן, אַ בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר חָסִיד, בִּיז נִישְׁט לַאנְג צוּרִיק הָאבּ אִיךְ גֶעוואוֹינְט אִין יְרוּשָׁלַיִם עִיר הַקּוֹדֶשׁ, אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען נָאךְ אַלְס

בָּחוּר צוּ קֶענֶען דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה דוּרְךְ דִי גֶעוַואלְדִיגֶע שִׁיעוּרִים אוּן דִי חִיזוּק יוֹמִי, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעטְרָאפְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה פֶּערְזֶענְלִיךְ.

פוּן דִי שִׁיעוּרִים הָאבּ אִיךְ זִיךְ אָנְגֶעשֶׁעפְּט מִיט אֱמוּנָה אוּן בִּטָּחוֹן, שִׂמְחָה, אַ וֶועג פַאר תְּפִלָּה אוּן הִתְבּוֹדְדוּת, אַ וֶועג צוּ לֶערְנֶען, קְדוּשָּׁה, עֵצוֹת פַאר שְׁלוֹם בַּיִת, אַ גֶעזוּנְטֶע אוּן רִיכְטִיגֶע בְּלִיק אוֹיפְ׳ן לֶעבְּן, אוּן נָאךְ פִּיל גוּטֶע זַאכְן.

אִין זְכוּת פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה׳ס דְרָשׁוֹת הָאבּ אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען, בְּסִיַּיעְתָּא דִשְׁמַיָּא, צוּ מְסַיֵּים זַיין אִיבֶּער דְרֵיי מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה אוּן נָאךְ אַסַאךְ סִפְרֵי קוֹדֶשׁ, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה׳ס חִיזוּק הָאבְּן מִיר אַסַאךְ גֶעהָאלְפְן; מִיט דֶעם אַלֶעם פַארְרוּף אִיךְ זִיךְ נִישְׁט אַלְס אַ תַּלְמִיד הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, דֶערִיבֶּער הָאבּ אִיךְ אַייךְ גֶעוָואלְט שְׁרַייבְּן מַיינֶע הֶרְגֵּשִׁים לְגַבֵּי דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם.

אִין אַסַאךְ בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר בָּתֵּי מֶדְרָשִׁים הָאט מֶען אִין דִי לֶעצְטֶע יָארְן אָנְגֶעהוֹיבְּן קוּקְן אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם וֶוער עֶר אִיז אוּן וָואס עֶר אִיז צוּלִיבּ דִי פִילֶע מַחֲלֹקֶת׳עֶר נָאךְ פוּן דִי צַייטְן פוּן מוֹהֲרָא״שׁ זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה בִּיזְן הַיינְטִיגְן טָאג; עֶס אִיז מִיר פָּשׁוּט פַארְ׳מִיאוּסְ׳ט גֶעוָוארְן, אִיךְ הָאבּ כִּמְעַט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ דַאוֶוענֶען אִין בְּרֶסְלֶב, כָאטְשִׁיג וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶענוּמֶען קַיין שׁוּם צַד אִין דִי נַארִישֶׁע מַחֲלֹקֶת.

אַ שְׁטִיק צַייט נָאכְדֶעם וָואס עֶס הָאט זִיךְ גֶעעֶפְנְט דֶער בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ אִין יְרוּשָׁלַיִם בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען דַאוֶוענֶען דָארְט, אוּן אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ דַאוֶוענֶען דָארְט פוּן צַייט צוּ צַייט, מִיט דִי צַייט הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אַיינְצוּזֶען דִי זַאכְן מִיט וָואס דֶער בֵּית הַמֶּדְרָשׁ צֵייכְנְט זִיךְ אוֹיס, וָואס מֶען זֶעט נִישְׁט אִין קַיין שׁוּם אַנְדֶערֶע פְּלַאץ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: ״דִי וֶועלְט וֶועט זִיךְ וואוּנְדֶערְן אוֹיף דִי לִיבְּשַׁאפְט וָואס אִיז דָא צְוִוישְׁן אַייךְ״; אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ מַאכְט מֶען יֶעדֶעם אַזוֹי גוּט שְׁפִּירְן, מֶען וַוייזְט אַ לִיכְטִיגֶער פָּנִים פַאר יֶעדֶער וָואס קוּמְט אַרַיין אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, נִישְׁט קַיין נַפְקָא מִינָּהּ אוֹיבּ עֶר גֶעהֶערְט צוּ דִי קְהִילָּה אָדֶער נִישְׁט. וֶוער עֶס דַאוֶוענְט דָארְט כַאפְּט גְלַייךְ אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין

שׁוּם פָּאלִיטִיק אָדֶער גַּאֲוָה צְווִישְׁן דִי מִתְפַּלְלִים, יֶעדֶער אִיז מְכַבֵּד דֶעם אַנְדֶערְן, מֶען פְרֵיידְט זִיךְ אֵיינֶער מִיטְ'ן אַנְדֶערְן, - אוֹיף אַ וֶועג וָואס מֶען טְרֶעפְט נִישְׁט אִין קַיין שׁוּם אַנְדֶערֶע פְּלַאץ.

דָאס הָאט מִיר מוֹרָא'דִיג אָנְגֶעוָואֹרֶעמְט דִי הַארְץ, שְׁטֶענְדִיג הָאט מֶען מִיךְ אוֹיפְגֶענוּמֶען מִיט אַ לִיכְטִיגֶער פָּנִים, מֶען הָאט מִיר צוּגֶעוִויזְן וואו אִיךְ קֶען זִיךְ אַרָאפְּזֶעצְן וְכוּ' וְכוּ', אַשְׁרֵיכֶם שֶׁזְּכִיתֶם.

נָאךְ אַ גָאר סְפֶּעצִיעֶלֶע זַאךְ הָאבּ אִיךְ אִין אַכְט גֶענוּמֶען, בְּדֶרֶךְ כְּלַל נָאכְן דַאוֶונֶען אִיז דִי דֶרֶךְ הָעוֹלָם אַז מֶען שְׁמוּעֶסְט צְווִישְׁן זִיךְ, דֶער בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ אִיז מִיט דֶעם נִישְׁט אַנְדֶערְשׁ, אָבֶּער, אִיךְ הָאבּ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהֶערְט דִי חֲבֵרִים דָארְט רֶעדְן לָשׁוֹן הָרָע, פָּאלִיטִיק אוּן מַחֲלֹקֶת; צְווִישְׁן דִי שְׁמוּעֶסְן דְרֵיידְט מֶען אַרַיין אֱמוּנָה אוּן הַנְהָגוֹת טוֹבוֹת, אוֹיף דֶעם קוּמְט נָאכְאַמָאל צוּ זָאגְן אַשְׁרֵיכֶם שֶׁזְּכִיתֶם.

אוֹיף אַזֶעלְכֶע תַּלְמִידִים אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "קֶענִיגְן אוּן קֵיסָרִין וָואלְטְן גֶעקֶענְט שִׁיקְן צוּ מִיר זֵייעֶרֶע קִינְדֶער כְּדֵי צוּ לֶערְנֶען מִיט זֵיי דֶרֶךְ אֶרֶץ", - וֶוען מֶען זֶעט אַייעֶרֶע תַּלְמִידִים צֵייכֶענֶען זִיךְ אוֹיס מִיט דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ, בֵּין אָדָם לַחֲבֵרוֹ; אָן דִי פַאלְשֶׁע פִּלְפּוּלִים 'וָואס אִיז יָא בְּרֶסְלֶב, וָואס אִיז נִישְׁט בְּרֶסְלֶב'.

נָאכְאַמָאל, אִיךְ דַאנְק דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוֹיף דִי אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶועןְ דוּרְכְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל וַוייטֶער בַּאלַייכְטְן דִי וֶועלְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע אַייעֶרֶע וֶועגְן.

...

**פָארְן צוּם צַדִיק אִיז נִישְׁט קַיין בִּיטוּל תּוֹרָה**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת בְּשַׁלַּח, י׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, בְּרַאכְפֶעלְד**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דָאס וָואס דוּ פְרֶעגְסְט אוֹיבּ דוּ זָאלְסְט נֶעמֶען דַיינֶע קִינְדֶער קַיין יַבְנְאֵל בַּיים יָארְצַייט קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ, אֶפְשָׁר אִיז דָאס בִּיטוּל תּוֹרָה?

דֶער עֶנְטְפֶער אִיז יָא, נֶעם דַיינֶע קִינְדֶער; וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צַדִּיק, סִימָן נה): ״טוֹב לְבַלּוֹת זְמַן רַב, בִּשְׁבִיל שָׁעָה אַחַת שֶׁיִּתְקָרֵב לַצַּדִּיק״, עֶס אִיז גוּט אַוֶועקְצוּגֶעבְּן אַסַאךְ צַייט צוּ קוּמֶען צוּם צַדִיק.

זַיי מִיךְ מַזְכִּיר בַּיים צִיוּן, יוֹאֵל בֶּן רַייצָא רֶעכִיל

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר׳ן זִיךְ צוּרִיק כַאפְּן אוּן וֶוערְן דֶרֶךְ אֶרֶץ׳דִיג**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת בְּשַׁלַּח, י׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳, בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן פוּן אַייךְ אוּן פוּן אַייעֶר טָאכְטֶערְ׳ס טִיטְשֶׁערְס אַז זִי הָאט זִיךְ צוּרִיק גֶעכַאפְּט, זִי אִיז צוּרִיק דֶרֶךְ אֶרֶץ׳דִיג.

דִי קְרֶעדִיט קוּמְט אַייךְ, אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט דִי טִיטְשֶׁערְס אַז פַאר אַייךְ קֶענֶען זֵיי זָאגְן דֶעם אֱמֶת; אַייעֶר מִשְׁפָּחָה, אִיר מִיט אַייעֶר מַאן - זֶענֶען פַארְשְׁטֶענְדְלִיךְ, אִיר וֶועט הֶעלְפְן דִי קִינְדֶער וַואקְסְן, אִיר וֶועט נִישְׁט וַוארְפְן דִי גַאנְצֶע מִיסְט אוֹיפְ׳ן מוֹסָד.

אִיךְ שִׁיק אַייךְ אַ בְּרִיוו פַאר אַייעֶר טָאכְטֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**... תְּחִיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

יֶעצְט דֶערְצֵיילְן מִיר אַייעֶרע טִיטְשֶׁערְס אַז אִיר זֶענְט צוּרִיק דִי אַלְטֶע ... תְּחִיֶ׳; אִיר זֶענְט אַזוֹי וואוּיל, אַזוֹי פָאלְגֶעדִיג אוּן אַזוֹי דֶרֶךְ אֶרֶץ׳דִיג, אִיר פִירְט זִיךְ אוֹיף אַזוֹי נָארְמַאל אוּן דֶערְוַואקְסְן, אִיר זֶענְט פוּן דִי קִינְדֶער וָואס קוּקְן אוֹיפ׳ן טִיטְשֶׁער, אוּן וָואס דִי טִיטְשֶׁער וִויל - דָאס טוּט אִיר.

דֶערְפַאר שְׁרַייבּ אִיךְ אַייךְ, אִיךְ וִויל אַייךְ זָאגְן אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ.

וָואס אִיר דַארְפְט זָאלְט אִיר בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶועט אִיר זֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים.

...

## לֶערְן יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, י׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ שְׁטַארְקְסְט זִיךְ מִיט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן; סֵיי דוּ לֶערְנְסְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן סֵיי דוּ בִּיסְט זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, דוּ רֶעדְסְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ וִויל דִיר זֵייעֶר בֶּעטְן זָאלְסְט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג לְכָל הַפָּחוֹת אַ בְּלַאט גְמָרָא. מִיר הוֹיבְּן אָן דִי וָואךְ פְרַייטָאג אַ נֵייעֶ מַסֶכְתָּא, מַסֶכֶת מוֹעֵד קָטָן; כַאפּ זִיךְ מִיט, לֶערְן יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳, סִימָן ריד): "׳תַּלְמוּד׳ בְּגִימַטְרִיָּא אוֹתִיּוֹת שֶׁל שְׁמָהּ ׳לִילִית׳, עַל כֵּן יֵשׁ כֹּחַ בְּלִמּוּד הַתַּלְמוּד לְהַכְנִיעַ אוֹתָהּ", ׳תַּלְמוּד׳ בַּאטְרֶעפְט דִי זֶעלְבֶּע מִסְפָּר ווִי דִי נָאמֶען פוּן דִי קְלִיפָּה וָואס מַאכְט אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְן אִין פְּגַם הַבְּרִית; אוּן וֶוען מֶען לֶערְנְט גְמָרָא אִיז מֶען מַכְנִיעַ דִי קְלִיפָּה, דֶערְפַאר הָאט דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם זֵייעֶר מוֹרָא פוּן אַ דַף גְמָרָא; אַלֶעס וֶועט עֶר לָאזְן דֶעם מֶענְטְשׁ זָאל טוּן, אַבִּי נִישְׁט עֶפֶענֶען אַ גְמָרָא.

זַיי זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס דוּ לֶערְנְסְט, פָּאלְג דֶעם רֶבִּי׳ן, זָאג דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי גְמָרָא. דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת

הָרַ"ן, סִימָן עו) : "שֶׁאֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד, לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר, וּמִמֵּילָא יָבִין", מֶען דַארְף נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וֶוען מֶען לֶערְנְט, מֶען דַארְף נָאר לֶערְנֶען און זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פון דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; מֶען דַארְף נִישְׁט גְלַייךְ פַארְשְׁטֵיין, און בְּמֶשֶׁךְ דִי צַייט וֶועט מֶען זוֹכֶה זַיין צו פַארְשְׁטֵיין.

אִיךְ בֶּענְק זִיךְ אוֹיךְ זֵייעֶר צוּ דִיר, אִיךְ הָאף בְּקָרוֹב זִיךְ נָאכְאַמָאל צוּ זֶען מִיט דִיר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַ גוּטֶע בִּיזְנֶעס דִיעֶל מִיט מֶעכְטִיגֶע רְוָוחִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, י"א שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אוֹיבּ דוּ הָאסְט צַייט צוּ רֶעדְן, אִיךְ ווִיל מִיט דִיר עֶפֶּעס דוּרְכְרֶעדְן.

אִיךְ הָאבּ אַ גוּטֶע בִּיזְנֶעס דִיעֶל פַאר דִיר, אַ פְּלַאץ וואו דוּ וֶועסְט קֶענֶען מַאכְן מֶעכְטִיגֶע רְוָוחִים. דֶער דִיעֶל אִיז אוֹיבּ דוּ וָואלְסְט אַרַיינְגֶענוּמֶען בַּיי דִיר אִין דִי בִּיזְנֶעס אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס זִיצְט אִין לֶערְנְט, און אִים גֶעבְּן וֶועכְנְטְלִיךְ אַ גֶעהַאלְט.

דֶער דִיעֶל אַרְבֶּעט אַזוֹי, עֶר לֶערְנְט בְּהַתְמָדָה רַבָּה, לְכָל הַפָּחוֹת צְוֶועלְף שָׁעָה אַ טָאג; נִישְׁט אֵיינֶער וָואס הֵייסְט עֶר לֶערְנְט, נָאר אַ מַתְמִיד, אֵיינֶער וָואס נוּצְט אוֹיס דִי צַייט. דוּ גֶעבְּסְט אִים אַ גֶעהַאלְט כְּאִילוּ עֶר אַרְבֶּעט פַאר דִיר, און וָואס בַּאקוּמְסְטוּ? דוּ בַּאקוּמְסְט דִי שְׂכַר אוֹיבְן אִין הִימְל פון זַיין תּוֹרָה.

דָאס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן אַ יִשָּׂשכָר זְבוּלוּן גֶעשֶׁעפְט; זְבוּלוּן הַאלְט אוֹיס יִשָּׂשכָר, אַזוֹי קֶען יִשָּׂשכָר לֶערְנֶען. אַזוֹי פַּסְקְ'נְט דֶער רְמָ"א (יוֹרֶה דֵעָה סִימָן רמו, סְעִיף א) : "וְיָכוֹל אָדָם לְהַתְנוֹת עִם חֲבֵרוֹ שֶׁהוּא יַעֲסוֹק בַּתּוֹרָה, וְהוּא יַמְצִיא לוֹ פַּרְנָסָה, וְיַחֲלֵק עִמּוֹ הַשָּׂכָר", מֶען קֶען זִיךְ אוֹיסְנֶעמֶען מִיט אַ צְוֵויטְן אַז יֶענֶער זָאל לֶערְנֶען און אִיךְ וֶועל יֶענֶעם אוֹיסְהַאלְטְן, און מֶען טֵיילְט זִיךְ אוֹיבְן אִין הִימְל מִיט דִי שְׂכַר; וַוייל אָן זְבוּלוּן אִיז נִישְׁטָא קַיין יִשָּׂשכָר. אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ פְרֶעגְט (וַיְחִי רמא:) : "אַמַּאי אַקְדִּים בְּבִרְכָאן זְבוּלוּן

לְיִשָּׂשְׂכָר תָּדִיר", פַארְוָואס רֶעכְנְט דִי תּוֹרָה אוֹיס זְבוּלוּן פַאר יִשָּׂשְׂכָר? "וְהָא יִשָּׂשְׂכָר אִשְׁתַּדְּלוּתֵיהּ בְּאוֹרַיְיתָא", יִשָּׂשְׂכָר אִיז דָאךְ דֶער וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה, "וְאוֹרַיְיתָא אַקְדִּים בְּכָל אֲתַר", דִי תּוֹרָה קוּמְט פַאר אַלֶעס, "אַמַּאי אַקְדִּים לֵיהּ זְבוּלוּן בְּבִרְכָאן", פַארְוָואס רֶעכְנְט מֶען עֶרְשְׁט אוֹיס זְבוּלוּן בַּיי דִי בְּרָכוֹת? "אֲבוֹי אַקְדִּים לֵיהּ", יַעֲקֹב אָבִינוּ בַּיים בֶּענְטְשְׁן זַיינֶע קִינְדֶער רֶעכְנְט אוֹיס עֶרְשְׁט זְבוּלוּן, "מֹשֶׁה אַקְדִּים לֵיהּ", מֹשֶׁה רַבֵּינוּ וֶוען עֶר הָאט גֶעבֶּענְטְשְׁט דִי שְׁבָטִים רֶעכְנְט עֶר אוֹיס עֶרְשְׁט זְבוּלוּן אוּן נָאכְדֶעם יִשָּׂשְׂכָר, "אֶלָּא זְבוּלוּן זָכָה עַל דְּאַפִּיק פִּתָּא מִפּוּמֵיהּ, וְיָהַב לְפוּמֵיהּ דְּיִשָּׂשְׂכָר", נָאר זְבוּלוּן הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען בְּרוֹיט פוּן זַיין מוֹיל אוּן גֶעגֶעבְּן פַאר יִשָּׂשְׂכָר, "בְּגִינֵי כָּךְ אַקְדִּים לֵיהּ בְּבִרְכָאן", דֶערִיבֶּער הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וֶוערְן גֶעבֶּענְטְשְׁט עֶרְשְׁט, "מֵהָכָא אוֹלִיפְנָא", פוּן דָא זֶעעֶן מִיר, "מַאן דְּסָעִיד לְמָרֵיהּ דְּאוֹרַיְיתָא", וֶוער עֶס מַאכְט זַאט מֶענְטְשְׁן וָואס לֶערְנֶען תּוֹרָה, "נָטִיל בִּרְכָאן מֵעֵילָּא וְתַתָּא", וֶוערְט גֶעבֶּענְטְשְׁט אוֹיבְן אוּן אוּנְטְן, "וְלָא עוֹד", נִישְׁט נָאר דָאס, "אֶלָּא דְזָכֵי לְתְרֵי פָּתוֹרֵי", נָאר עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ בַּאקוּמֶען צְוֵויי מָאל שְׂכַר, "מַה דְּלָא זָכֵי בַּר נָשׁ אַחֲרָא", אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן זֶענֶען נִישְׁט זוֹכֶה צוּ דֶעם, "זָכֵי לְעוּתְרָא דְיִתְבָּרַךְ בְּהַאי עַלְמָא", עֶר וֶוערְט גֶעבֶּענְטְשְׁט מִיט אַ רַייכְקֵייט אוֹיף דִי וֶועלְט, "וְזָכֵי לְמֶהֱוֵי לֵיהּ חוּלָקָא בְּעַלְמָא דְאָתֵי", אוּן עֶר וֶוערְט גֶעבֶּענְטְשְׁט מִיט אַ רַייכְקֵייט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, "הֲדָא הוּא דִכְתִיב", אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט, "זְבוּלוּן לְחוֹף יַמִּים יִשְׁכּוֹן, וְהוּא לְחוֹף אֳנִיּוֹת, כֵּיוָן דִּכְתִיב לְחוֹף יַמִּים, אַמַּאי וְהוּא לְחוֹף אֳנִיּוֹת", וָואס אִיז דִי טָאפְּלְטֶער לָשׁוֹן? "אֶלָּא, לְחוֹף יַמִּים, בְּעַלְמָא דֵּין", נָאר אֵיין לָשׁוֹן אִיז אַ בְּרָכָה אוֹיף דִי וֶועלְט, "לְחוֹף אֳנִיּוֹת, בְּעַלְמָא דְאָתֵי", דִי צְוֵוייטֶע לָשׁוֹן אִיז אַ בְּרָכָה פַאר יֶענֶע וֶועלְט, "כְּמָא דְאַתְּ אָמֵר, 'שָׁם אֳנִיּוֹת יְהַלֵּכוּן וְגוֹ'', דְּתַמָּן הוּא נְגִידוּ דְעַלְמָא דְאָתֵי".

דָאס וֶועט זַיין אַ פְּרִיוַואטֶע זַאךְ צְוִוישְׁן דִיר אוּן יֶענֶער תַּלְמִיד חָכָם; דָאס וֶועט זַיין אַ גוּטֶער גֶעשֶׁעפְט, נָאר רְוָוחִים, כּוּלוֹ רְוָוחִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דִי גְרֶעסְטֶע נַחַת פַאר אַ טַאטֶע, צוּ זֶען זַיין קִינְד מִיט אַ מִשְׁנַיוֹת

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, י״א שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, בֵּית שֶׁמֶשׁ**

דַיין טַאטֶע הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַז דוּ לֶערְנְסְט מִשְׁנַיוֹת, דוּ הָאסְט זִיךְ גֶעמַאכְט אַ חֶשְׁבּוֹן אַז דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת - וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ עֶנְדִיגְן שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה לְכָבוֹד דַיין בַּר מִצְוָה, חוֹדֶשׁ אֱלוּל תשפ״ג.

עֶר הָאט מִיר אוֹיךְ גֶעשִׁיקְט אַ בִּילְד וִוי אַזוֹי דוּ זִיצְט מִיט אַ מִשְׁנַיוֹת אוּן דוּ לֶערְנְסְט מִיט אַזַא גֶעשְׁמַאק.

דַיין טַאטֶע פְרֵיידְט זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק! עֶר שְׁרַייבְּט מִיר אַז דָאס אִיז זַיין גְרֶעסְטֶע נַחַת, עֶס אִיז מֶער פוּן זַיין גֶעלְט, מֶער פוּן אַלֶעס! צוּ זֶען זַיין קִינְד מִיט אַ מִשְׁנַיוֹת; אוֹיךְ אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר.

אִיךְ הָאבּ נֶעכְטְן גֶעגֶעבְּן אַ שִׁיעוּר אִין לָשׁוֹן הַקּוֹדֶשׁ וַוייל דַיין טַאטֶע הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט קַיין אִידִישׁ, דוּ הֶערְסְט דִי לָשׁוֹן הַקּוֹדֶשׁ שִׁיעוּרִים.

שְׁטַארְק זִיךְ, זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט דַיין לֶערְנֶען אוּן דַאוְוענֶען; אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. בֶּעט אִים וָואס דוּ דַארְפְּסְט, רֶעד צוּ אִים אַזוֹי וִוי דוּ רֶעדְסְט צוּ אַ גוּטֶער חַבֵר, דֶערְצֵייל אִים אַלֶעס; קֶענְסְט אִים דֶערְצֵיילְן פְּרִיוַואטֶע זַאכְן, דֶערְצֵייל אִים אַלֶעס וָואס טוּט זִיךְ אִין דַיין לֶעבְּן וְכוּ׳, פוּן דַיינֶע עֶלְטֶערְן וְכוּ׳ - וֶועסְטוּ הָאבְּן שְׁטַארְקֵייט צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

אִיךְ וֶועל זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז דוּ וֶועסְט מִיר שְׁרַייבְּן אַ בְּרִיוו.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זֶע צוּ זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן מִיט אוּנְזֶער חֲבוּרָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, י״א שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ זָאג דִיר שׁוֹין פָּארְאוֹיס וָואס גֵייט זַיין, עֶס זֶענֶען נִתְרַבָּה גֶעוָוארְן זֵייעֶר אַסַאךְ נֵייעֶ מְקוֹרָבִים, עֶס גֵייט נִישְׁט זַיין קַיין פְּלַאץ אִין אוּנְזֶער בִּנְיָן אִין אוּמַאן. אִיךְ ווִיל זֵייעֶר שְׁטַארְק דוּ זָאלְסְט זַיין מִיט אוּנְזֶער חֲבוּרָה, עֶס אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ דִי גַאנְצֶע רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּחֲבוּרַת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ תַּלְמִידֵי מוֹהֲרָא״שׁ.

זָאלְסְטוּ שׁוֹין נֶעמֶען אַ בֶּעט. וֶועִנְד זִיךְ צוּ הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר, עֶר אִיז מְמוּנֶה אִין אוּנְזֶער בִּנְיָן אִין אוּמַאן, אַזוֹי וֶועלְן מִיר קֶענֶען זַיין אִינְאֵיינֶעם.

פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אַלֵיינְס וֶועלְן קוּמֶען אַ רִיזִיגֶער עוֹלָם, עֶס אִיז דָארְט אַ מַהְפֵּכָה פוּן דִי אַלֶע פְרִישֶׁע מְקוֹרָבִים.

...

## מַאךְ מִיט חָכְמָה, בַּיים סוֹף וֶועט זִיךְ אַלֶעס אִיבֶּערְדְרֵייעֶן לְטוֹבָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, י״א שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

מַזָל טוֹב פַארְ׳ן אָפְּשֶׁערְן פוּן דַיין זוּן נַחְמָן נָתָן נֵרוֹ יָאִיר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶר זָאל אוֹיסְוַואקְסְן אַ צַדִיק, זָאלְסְט זֶען נַחַת פוּן אִים אוּן פוּן אַלֶע דַיינֶע קִינְדֶער, צוּזַאמֶען מִיט דַיין וַוייבּ.

אִיךְ הֶער זָאגְן אַז דַיין טַאטֶע נֵרוֹ יָאִיר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט אָפְּשֶׁערְן דַיין זוּן, עֶר אִיז נָאכְאַלְץ בְּרוֹגֶז אוֹיף דַיין נָאמֶען, עֶס שְׁטֶעכְט אִים דִי נָאמֶען נַחְמָן נָתָן; דוּ הָאסְט צַעַר פוּן דֶעם.

אִיךְ ווִיל דִיר זֵייעֶר בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט וַוייטֶער מְכַבֵּד זַיין דַיינֶע עֶלְטֶערְן, מַאךְ נִישְׁט קַיין עֵסֶק פוּן דֶעם, מַאךְ מִיט חָכְמָה, קֵיינֶער זָאל נִישְׁט כַאפְּן אוֹיבּ עֶר שֶׁערְט יָא אָדֶער נִישְׁט, רֶעד נִישְׁט פוּן דֶעם, מַאךְ נִישְׁט קַיין עֵסֶק פוּן דֶעם, בַּיים סוֹף וֶועט זִיךְ אַלֶעס אִיבֶּערְדְרֵייעֶן לְטוֹבָה.

פַּארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶענְסְטוּ זִיךְ יָא צוּאֵוויינֶען, אוּן דוּ זָאלְסְט וֵויינֶען; זָאג פַּארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, קוּק ווִי פַּארְשֶׁעמְט דֶער רֶבִּי אִיז, מַיין טַאטֶע וִויל נִישְׁט אָפְּשֶׁערְן מַיין זוּן וַוייל עֶר טְרָאגְט דֶעם רֶבִּינְ׳ס נָאמֶען; רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, גֶעוַואלְד אוּן גֶעשְׁרִיגְן, פַּארְוָואס אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַזוֹי פַּארְשֶׁעמְט?!"

זַיי שְׁטַארְק!

...

## דִי צַייט וֶוען צוּ קוּמֶען רֶעדְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, י"א שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין פְּרַאגֶע.

דָאנֶערְשְׁטָאג פַּארְ׳ן שִׁיעוּר אִיז נִישְׁט קַיין צַייט וָואס אִיךְ קֶען אוֹיפְנֶעמֶען מֶענְטְשְׁן.

אִיךְ קוּם אַהֵיים פוּן יְשִׁיבָה זִיבְּן אַזֵייגֶער, אִיךְ דַארְף הֶעלְפְן מַיין וַוייבּ מִיטְ׳ן לֵייגְן שְׁלָאפְן דִי קִינְדֶער. פוּן זִיבְּן בִּיז אַכְט דְרַייסִיג אִיז זֵייעֶר אַ שְׁוֶועְרֶע צַייט פַאר אִידִישֶׁע מַאמֶעס, דֶעמָאלְט דַארְף אִיךְ הֶעלְפְן. אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ נִישְׁט וואוּ אוֹיפְצוּנֶעמֶען אִין שְׁטוּבּ; דֶעמָאלְט קוּמֶען מַיינֶע חֲתוּנָה גֶעהַאטֶע קִינְדֶער עֶסְן נַאכְטְמָאל, אוּן נַיין אַזֵייגֶער דַארְף אִיךְ שׁוֹין גֶעבְּן דִי שִׁיעוּר.

זוּנְטָאג אִיז אַ צַייט וָואס אִיךְ נֶעם אוֹיף קָאפְּלְס; אוֹיבּ דוּ וִוילְסְט קוּמֶען רֶעדְן מִיט דַיין וַוייבּ - פַּארְבִּינְד זִיךְ מִיט ר׳ ... נֵרוֹ יָאִיר, עֶר הֶעלְפְט מִיר מְסַדֵּר זַיין דִי רֵייעֶ וֶוער עֶס וִויל קוּמֶען רֶעדְן.

אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט מִיךְ פַּארְשְׁטֵיין, נִישְׁט טְרַאכְטְן אַז אִיךְ זוּךְ זִיךְ אַרוֹיסְצוּדְרֵייעֶן.

אִיךְ הָאבּ דִיר לִיבּ.

...

## בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ הָאבְּן דִי גוּטֶע מִדָּה פוּן הַכָּרַת הַטּוֹב

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, י״א שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב**

דִי שֶׁענְסְטֶע מִדָּה אִיז הַכָּרַת הַטּוֹב, גֶעדֶענְקֶען אוּן אַרוֹיסְוַוייזְן וֶוען אֵיינֶער הָאט דִיר גוּטְס גֶעטוּן.

אִיךְ וֵויים אַז דֶער בָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר הָאט דִיר גֶעטוּן אַסַאךְ גוּטְס; וֶוען דוּ הָאסְט נִישְׁט גֶעהַאט וואוּ צוּ שְׁלָאפְן - הָאט עֶר דִיר פַארְשַׁאפְט וואוּ צוּ שְׁלָאפְן, וֶוען דוּ הָאסְט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין עֶסְן - הָאט עֶר דִיר גֶעשַׁאפְט עֶסְן, אוּן שִׁיךְ וְכוּ׳.

יֶעצְט הָאסְטוּ אִים וֵויי גֶעטוּן וֶוען דוּ מִיט אִים זוּכְן אַ דִירָה מִיט נָאךְ צְוֵויי בָּחוּרִים, אוּן דוּ בִּיסְטוּ גֶעגַאנְגֶען אוּנְטֶערְן רוּקְן אִים אוֹיסְגֶעשְׁפִּילְט.

יֶעצְט זֶע אִיךְ נָאכְאַמָאל וָואס מוֹהֲרַא״שׁ הָאט גֶע׳חַזֶר׳ט מִיט אוּנְז טוֹיזְנְטֶער מָאל: ״נִישְׁטָא קַיין חֲבֵרִים!״ אֲפִילוּ וֶוען אֵיינֶער שְׁמֵייכְלְט צוּ מִיר דַארְף אִיךְ חוֹשֵׁשׁ זַיין אַז עֶר גֵייט אוּנְטֶער מַיין רוּקְן.

בֶּעט אִים אִיבֶּער, אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג הָאבְּן דִי גוּטֶע מִדָּה פוּן הַכָּרַת הַטּוֹב, גֶעדֶענְקֶען שְׁטֶענְדִיג אוּן אַרוֹיסְוַוייזְן דַאנְקְבַּארְקֵייט פַאר וֶוער עֶס הָאט גֶעטוּן אַ טוֹבָה.

לֶערְן אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת; מִשְׁנַיוֹת לוֹיטֶערְט אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ, מֶען וֶוערְט אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

...

## דִי גַאנְצֶע צוּגַאנְג אִיז מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיט תְּשׁוּבָה אוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, י"א שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

וִויפִּיל זָאל אִיךְ דִיר אִיבֶּערְזָאגְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, אִיךְ גֵיי נִישְׁט עֶפֶּענֶען אַ בּוּטְשֶׁער צוּ פַארְקוֹיפְן יֶענֶעמְ'ס פְלֵייש - אֲפִילוּ עֶס אִיז אַן הַכְנָסָה פַאר דִי מוֹסָד. סַאטְמַאר רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט נִישְׁט גֶעעֶפְנְט אַ בּוּטְשֶׁער אַלְס הַכְנָסָה פַאר דִי מוֹסָד, עֶר הָאט גֶעעֶפְנְט דִי בּוּטְשֶׁער עֶס זָאל זַיין כָּשֶׁר'עֶ פְלֵייש, מְהוּדָר'דִיגֶע פְלֵייש, אוּן עֶס זָאל זַיין אוּנְטֶער דִי מוֹסָד.

אוֹיב דוּ ווִילְסְט קֶענְסְטוּ מְעוֹדֵד זַיין דִי דְרֵייִ אִינְגֶעלַייט ...., ... אוּן מַיין זוּן ..., אַ שָׁאד אַז זֵיי פַארְזוֹימֶען זִיךְ אַזוֹי לַאנְג; אַז זֵיי וֶועל אַרוֹיסְנֶעמֶען אַ קַבָּלָה, זֵיי וֶועלְן קֶענֶען דִי מְלָאכָה - וֶועלְן מִיר עֶפֶּענֶען אַ בּוּטְשֶׁער, אוּן דֶעמָאלְט וֶועל אִיךְ עֶסְן נָאר פוּן דִי פְלֵייש, אוּן אַלֶע - דִי גַאנְצֶע קְהִילָּה - וֶועלְן עֶסְן פוּן דִי שְׁחִיטָה, ווַייל אֵינוֹ דוֹמֶה אַ בְּרֶעסְלֶב'עֶר חָסִיד - אַ שׁוֹחֵט, וֶוען דִי גַאנְצֶע צוּגַאנְג אִיז מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיט תְּשׁוּבָה אוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת.

אַדְרַבָּה, זַיי מְחַזֵק דִי דְרֵייִ אַבְרֵכִים; דֶעמָאלְט וֶועלְן מִיר עֶפֶּענֶען "בְּרֶעסְלֶב'עֶר פְלֵייש", אוּן עֶס וֶועט אוֹיךְ זַיין הַכְנָסָה פַאר דִי מוֹסָד.

בְּנוֹגֵעַ מַאכְן חֲתוּנוֹת אִין שְׁטֶעטְל; אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם וֶוען דִי יְשִׁיבָה וֶועט זִיךְ אַרוֹיסְצוּעֶן אִין שְׁטֶעטְל - וֶועט מֶען קֶענֶען מַאכְן חֲתוּנוֹת בְּחִנָּם. דָאס קֶען נָאר אַרְבֶּעטְן מִיט אַ יְשִׁיבָה; סֵיי דִי בָּחוּרִים הָאבְּן וָואס צוּ טוּן, אוּן סֵיי עֶס קָאסְט נִישְׁט קַיין גֶעלְט.

...

**זָאגְן דִי שִׁירַת הַיָּם פָּסוּק בְּפָסוּק פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח שַׁבָּת שִׁירָה**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח-שִׁירָה, י״ב שְׁבָט, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, בְּנֵי בְּרַק**

בְּנוֹגֵעַ זָאגְן דִי שִׁירַת הַיָּם פָּסוּק בְּפָסוּק דִי וָואךְ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח-שַׁבָּת שִׁירָה, דוּ ווילְסְט וויסְן וָואס אִיז דֶער מִנְהָג אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ; עֶס וֶוענְדְט זִיךְ אִין עֶנְק, אוֹיבּ בַּיי עֶנְק זָאגְט מֶען אַזוֹי, קֶענְסְט אַזוֹי טוּן; דָאס אִיז זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע זַאךְ.

דֶער עִיקָר מֶען זָאל דַאוֶוענֶען מִיט אַ חַיוּת, מִיט הִתְלַהֲבוּת - אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט.

אִין דִי צַייט ווייל אִיךְ דִיר מְחַזֵק זַיין זָאלְסְט אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען דֶעם בְּלַאט גְמָרָא יֶעדְן טָאג, מִיר הָאבְּן נֶעכְטְן גֶעעֶנְדִיגְט דִי עֶלְפְטֶע מַסֶכְתָּא, מֶען הוֹיבְּט אָן הַיינְט עֶרֶב שַׁבָּת שִׁירָה דִי צְוֶועלְפְטֶע מַסֶכְתָּא - מַסֶכֶת מוֹעֵד קָטָן. וָואלְסְטוּ גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי׳ן בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, דוּ וָואלְסְט יֶעדְן טָאג גֶעלֶערְנְט גְמָרָא אָן קוּקְן אוֹיבּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט אָדֶער נִישְׁט - וָואלְסְטוּ גֶעהַאט אִין דַיינֶע הֶענְט עֶלְף מַסֶכְתּוֹת.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, טוּ עֶס פַאר דִיר; פַאר דַיין נְשָׁמָה, פַאר דַיין נִצְחִיוּת, הוֹיבּ אָן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דֶעם בְּלַאט גְמָרָא - וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ זִיסֶע לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**מֶען הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעזֶען אַזַא אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּנְקֵייט פוּן אַ תַּלְמִיד צוּ אַ רֶבִּי אַזוֹי וִוי מוֹהֲרַא״שׁ פַאר׳ן רֶבִּי׳ן**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבָט, שְׁנַת ה׳תשפ״ב

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר׳ן מְנַדֵב זַיין דִי יָארְצַייט סְעוּדָה פַאר מוֹהֲרַא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ גֵיין

אִין דִי וֶועג פוּן מוֹהֲרָא״שׁ, אוּנְזֶער גַאנְצֶע לֶעבְּן זָאלְן מִיר טוּן פַארְ׳ן רֶבִּי׳ן, פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּי׳ן פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

דָאס אִיז גֶעוֶוען מוֹהֲרָא״שְׁ׳ס זַאךְ, זַיין גַאנְץ לֶעבְּן הָאט עֶר מְשַׁמֵּשׁ גֶעוֶוען דֶעם רֶבִּי׳ן מִיט דִי גְרֶעסְטֶע גֶעטְרֵיישַׁאפְט וָואס אִיז נָאר פַארְהַאן. מֶען הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעזֶען אַזַא אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּנְקֵייט פוּן אַ תַּלְמִיד צוּ אַ רֶבִּי אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא״שׁ פַארְ׳ן רֶבִּי׳ן. אַלֶע הָאבְּן גֶעקְרִיגְט אוֹיף אִים, אַלֶע מַיין אִיךְ אַלֶע, אֲפִילוּ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, מִיט דֶעם אַלֶעם אִיז מוֹהֲרָא״שׁ גֶעבְּלִיבְּן גֶעטְרֵיי דֶעם רֶבִּי׳ן, וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּי׳ן פַאר דִי וֶועלְט.

אוֹיף מוֹהֲרָא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ קֶען מֶען זָאגְן וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן אוֹיף דָוִד הַמֶּלֶךְ (מוֹעֵד קָטָן טז:): ״כְּשֶׁהָיָה יוֹשֵׁב וְעוֹסֵק בַּתּוֹרָה הָיָה מְעַדֵּן עַצְמוֹ כְּתוֹלַעַת״, וֶוען עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה הָאט עֶר זִיךְ אַיינְגֶעבּוֹיגְן, עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט מִיט עֲנָוָה, ״וּבְשָׁעָה שֶׁיּוֹצֵא לַמִּלְחָמָה הָיָה מַקְשֶׁה עַצְמוֹ כָּעֵץ״, וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ פִירְן כְּלַל יִשְׂרָאֵל - הָאט עֶר זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט, נִישְׁט נָאכְגֶעגֶעבְּן; דָאס אִיז גֶעוֶוען מוֹהֲרָא״שׁ, פוּן אֵיין זַייט אַ לֵב נִשְׁבָּר וָואס מֶען זֶעט נִישְׁט, אָבֶּער וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ זַיין נְקוּדָה, אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען דֶעם רֶבִּי׳ן אִין דִי וֶועלְט - אִיז עֶר גֶעוֶוען שְׁטַארְק וִוי אַ לֵייבּ.

...

## רֶעד שֵׁיין צוּ דַיין וַוייבּ, וֶועט אַלֶעס וֶוערְן גְלַאטִיג

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבַט, שְׁנַת ה׳תשפ״ב

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַלֶעס וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט.

דִי לֶעצְטֶע פָּאר שׁוּרוֹת שְׁרַייבְּסְטוּ: ״אִיךְ וִויל בֶּעטְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוֹיבּ מֶען קֶען הֶעלְפְן מִיר אוּן מַיין וַוייבּ; אִיךְ וֵוייס נִישְׁט פַארְוָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעשְׁרִיבְּן בִּיז יֶעצְט, אָבֶּער מִיר זֶענֶען שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט אִיבֶּער אַ יָאר, מִיר הָאבְּן שׁוֹין בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ קִינְד, אָבֶּער עֶס אִיז נָאכְאַלְץ נִישְׁט גְלַאטִיג״.

טַייעֶרע לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה זָאל רוּעֶן בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ, דוּ ווִילְסְט הָאבְּן אַן אֱמֶתְ׳עֶ שָׁלוֹם בַּיִת - אִיז דָאס נָאר מֶעגְלִיךְ אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ אַיינְבֵּייגְן דַיין קָאפּ פַאר׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּ וֶועסְט זִיךְ מְבַטֵל זַיין פַאר אִים; גָארְנִישְׁט וֶועלְן - נָאר טוּן רְצוֹן הַשֵׁם יִתְבָּרַךְ.

וֶוען מִיר לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה זֶעעֶן מִיר ווִי אַזוֹי גְרוֹיסֶע צַדִיקִים זֶענֶען גֶעוֶוען בָּטֵל וּמְבוּטָל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ דִי וַוייבּ הָאט מְצַעֵר גֶעוֶוען הָאבְּן זֵיי נָאכְאַלְץ גֶעזוּכְט גוּטְס פַאר זֵיי. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (יְבָמוֹת סג.): "רַב, הֲוָה קָא מְצַעֲרָא לֵיהּ דְבִיתְהוּ", דֶער הֵיילִיגֶער אֲמוֹרָא רַב, זַיין וַוייבּ הָאט אִים אַלְץ מְצַער גֶעוֶוען, וֶוען רַב הָאט גֶעבֶּעטְן עֶפֶּעס עֶסְן הָאט זִי אַלְץ גֶעמַאכְט פַארְקֶערְט, בִּיז דֶער זוּן הָאט דָאס נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיסְהַאלְטְן, הָאט עֶר זִיךְ אַרַיינְגֶעמִישְׁט אוּן אוֹיסְגֶעשְׁפִּילְט דִי מַאמֶע אַז עֶס זָאל זַיין גוּט פַאר׳ן טַאטְ׳ן, הָאט רַב גֶעזָאגְט עֶר זָאל דָאס נִישְׁט טוּן.

אַזוֹי אוֹיךְ דֶערְצֵיילְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (שָׁם): "רַבִּי חִיָיא הֲוָה קָא מְצַעֲרָא לֵיהּ דְבִיתְהוּ", רַב חִיָיא׳ס וַוייבּ הָאט אִים מְצַער גֶעוֶוען, "כִּי הֲוָה מַשְׁכַּח מִידִי, צַיֵיר לֵיהּ בְּסוּדְרֵיהּ וּמַיְיתֵי נִיהֲלֵהּ", מִיט דֶעם אַלֶעם הָאט עֶר גֶעזוּכְט אִיר גוּטְס, וֶוען עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אַ גוּטֶע זַאךְ פַאר אִיר הָאט עֶר דָאס שֵׁיין אַיינְגֶעפַּאקְט אוּן אַהֵיים גֶעבְּרֶענְגְט פַאר אִיר, הָאט אִים רַב גֶעפְרֶעגְט, פַארְוָואס בְּרֶענְגְסְטוּ אִיר? פַארְוָואס זָארְגְסְטוּ פַאר אִיר? זִי אִיז דִיר דָאךְ שְׁטֶענְדִיג מְצַעֵר! הָאט רַב חִיָיא גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דַיֵינוּ שֶׁמְגַדְלוֹת בָּנֵינוּ", אֲפִילוּ זִי אִיז מִיךְ מְצַעֵר וֶועל אִיךְ זוּכְן נָאר אִיר גוּטְס, וַוייל זִי הֶעלְפְט מִיר מְגַדֵל זַיין דִי קִינְדֶער, "וּמַצִּילוֹת אוֹתָנוּ מִן הַחֵטְא", אוּן זִי רַאטֶעוֶועט מִיךְ פוּן עֲבֵירוֹת.

מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג פַארְוואוּנְדֶערְן בַּיי דִי גְמָרָא, מֶען רֶעדְט דָאךְ דָא פוּן רֶבִּי חִיָיא, פוּן דִי גְרֶעסְטֶע צַדִיקִים! מִיר הָאבְּן נִישְׁט קֵיין הַשָּׂגָה וֶוער רֶבִּי חִיָיא אִיז גֶעוֶוען, דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (כְּתוּבּוֹת קג:): "כַּמָּה גְּדוֹלִים מַעֲשֵׂה חִיָיא וְכוּ׳", אֲפִילוּ דִי צַדִיקִים אוֹיבְּן אִין הִימְל זֶענֶען נִישְׁט זוֹכֶה צוּ זֶען זַיין גְרוֹיסְקֵייט וְכוּ׳; מִיט דֶעם אַלֶעם הָאט עֶר זִיךְ אַזוֹי אַרָאפְּגֶעלָאזְט אִין שְׁטוּבּ, גֶעבְּרֶענְגְט מַתָּנוֹת אוּן אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן אוֹיף אִיר כָּבוֹד.

אַז דוּ ווילְסְט זַאכְן זָאלְן וֶוערְן מֶער גְלַאטִיג - זָאלְסְטוּ רֶעדְן שֵׁיין צוּ דַיין ווייבּ; גֶעבּ אִיר גוּטֶע וֶוערְטֶער, זִיסֶע וֶוערְטֶער. קוּק דִי זִיסֶע וֶוערְטֶער וָואס דִי תּוֹרָה דֶערְצֵיילְט, ווִי אַזוֹי אָדָם הָרִאשׁוֹן הָאט גֶערֶעדְט צוּ זַיין ווייבּ. דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (בְּרֵאשִׁית דַּף מט:): "הָא בְּסִימוּ דְּמִלִּין", דָאס זֶענֶען דִי וֶוערְטֶער וָואס אָדָם הָרִאשׁוֹן הָאט גֶערֶעדְט צוּ חַוָּה, "לְאַמְשָׁכָא עִמָּהּ חֲבִיבוּתָא", כְּדֵי צוּ צִיעֶן צוּ אִיר לִיבְּשַׁאפְט, "וּלְאַמְשָׁכָא לָהּ לִרְעוּתֵיהּ", זִי זָאל וֶועלְן טוּן זַיין ווילְן, "לְאַתְעָרָא עִמָּהּ רְחִימוּתָא", אוּן אוֹיפְצוּוַאוֶועקְן דִי לִיבְּשַׁאפְט; "חָמֵי כַּמָּה בְּסִימִין אִנּוּן מִלִּין", קוּם אוּן זֶע דִי זִיסֶע וֶוערְטֶער וָואס אָדָם הָרִאשׁוֹן הָאט גֶערֶעדְט צוּ חַוָּה, "כַּמָּה מִלֵּי דִּרְחִימוּתָא אִנּוּן", אַזוֹיפִיל לִיבְּשַׁאפְט לִיגְט אִין דִי וֶוערְטֶער וָואס עֶר הָאט אִיר גֶעזָאגְט, "עֶצֶם מֵעֲצָמַי וּבָשָׂר מִבְּשָׂרִי, בְּגִין לְאַחֲזָאָה לָהּ דְּאִנּוּן חַד וְלָא אִית פֵּירוּדָא בֵּינַיְיהוּ בְּכֹלָּא", מִיר זֶענֶען אֵיינְס, מִיר קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט צֶעטֵיילְן, דוּ בִּיסְט אַ חֵלֶק פוּן מִיר.

עֶס אִיז כְּדַאי דוּ זָאלְסְט אַרַיינְקוּקְן וָואס דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (שָׁם): "הַשְׁתָּא שָׁרֵי לְשַׁבְּחָא לָהּ", נָאכְדֶעם וָואס אָדָם הָרִאשׁוֹן הָאט גֶעזָאגְט דִי זִיסֶע וֶוערְטֶער פַאר חַוָּה, "עֶצֶם מֵעֲצָמַי וּבָשָׂר מִבְּשָׂרִי", - הָאט עֶר אִיר אָנְגֶעהוֹיבְּן אוֹיסְלוֹיבְּן, עֶר הָאט אִיר גֶעזָאגְט: "לְזֹאת יִקָּרֵא אִשָּׁה", דָאס מֵיינְט, "דָּא הִיא דְּלָא יִשְׁתְּכַח כְּוָותָהּ", נִישְׁטָא נָאךְ אַזַא ווייבּ ווִי דִיר, "דָּא הִיא יְקָרָא דְּבֵיתָא", דוּ בִּיסְט דִי גַאנְצֶע כָּבוֹד פוּן אוּנְזֶער שְׁטוּבּ, "כֻּלְּהוֹן נָשִׁין גַּבָּהּ כְּקוֹפָא בִּפְנֵי בְּנֵי נָשָׁא", אַלֶע אַנְדֶערֶע פְרוֹיעֶן זֶענֶען ווִי מַאלְפֶּעס אַנְטְקֶעגְן דִיר, "אֲבָל לְזֹאת יִקָּרֵא אִשָּׁה שְׁלִימוּ דְּכֹלָּא לְזֹאת וְלָא לְאַחֲרָא", דוּ הָאסְט אַלֶע מַעֲלוֹת, דוּ בִּיסְט דִי בֶּעסְטֶע ווייבּ, "כֹּלָּא הוּא מָלֵי רְחִימוּתָא", אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע לִיבְּשַׁאפְט וֶוערְטֶער הָאט אָדָם הָרִאשׁוֹן גֶערֶעדְט צוּ זַיין ווייבּ, "כְּמָא דְּאַתְּ אָמֵר (מִשְׁלֵי לא, כט) רַבּוֹת בָּנוֹת עָשׂוּ חָיִל וְאַתְּ עָלִית עַל כֻּלָּנָה".

אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט אַרַיינְנֶעמֶען דִי וֶוערְטֶער אִין דִיר, דוּ וֶועסְט טוּן וָואס דָא שְׁטֵייט - וֶועט אַלֶעס וֶוערְן גְלַאטִיג, דֶער לֶעבְּן וֶועט דִיר וֶוערְן זִיס אוּן שֵׁיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נִישְׁט חוֹזֶק מַאכְן פוּן אַנְדֶערֶע

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, ט״ז שבט, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן
... תְּחִיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא קִרְיַת בְּרֶסְלֶב

וֶוען מֵיידְלֶעךְ מַאכְן חוֹזֶק פוּן אַנְדֶערֶע - זָאלְט אִיר פַּארְדְרֵייעֶן דִי שְׁמוּעֶס.

עֶס אִיז נִישְׁט שֵׁיין חוֹזֶק צוּ מַאכְן פוּן אַנְדֶערֶע, בִּפְרָט פוּן דִי וָואס אַרְבֶּעטְן פַּאר דִי מוֹסָד; מֶען דַארְף שֶׁעצְן דִי וָואס אַרְבֶּעטְן פַּאר דִי מוֹסָד, מֶען דַארְף הֶעלְפְן דִי מוֹסָד, נִישְׁט זוּכְן ווִי מֶען קֶען לַאכְן אָדֶער חוֹזֶק מַאכְן.

ווִיסְן זָאלְט אִיר, דִי וָואס מַאכְן חוֹזֶק פוּן דֶעם אוּן יֶענֶעם, דִי מַאכְן חוֹזֶק פוּן אַייךְ אוֹיךְ; אוּנְטֶער אַייעֶר רוּקְן, וֶוען אִיר וֶועט נִישְׁט הֶערְן - וֶועלְן זֵיי חוֹזֶק מַאכְן פוּן אַייךְ. דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר אַכְטוּנְג גֶעבְן נִישְׁט צוּ נֶעמֶען אַ טֵייל וֶוען מֶען מַאכְט חוֹזֶק פוּן אַנְדֶערֶע.

הַלְוַאי זָאלְן דִי תַּלְמִידוֹת זַיין אַ חֵלֶק פוּן דִי מוֹסָד, זוּכְן צוּ הֶעלְפְן מִיט וָואס מֶען קֶען אוּן זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַּאר אַלֶע וָואס אַרְבֶּעטְן אַזוֹי שְׁוֶוער; פַּאר דִי דְרֵייוֶוערְס, פַּאר דֶעם מֶענִידְזְשֶׁער, פַּאר יֶעדְן אֵיינֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.
...

## ווִיסְן ווִי אַזוֹי צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, ט״ז שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן
... תְּחִיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא קִרְיַת בְּרֶסְלֶב

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַוַדַאי אִיז עֶס חוּצְפָּה; אַז אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן זָאגְן אַייךְ עֶפֶּעס צוּ טוּן קֶענְט אִיר נִישְׁט אָנְהוֹיבְּן בֶּעטְן הוֹיךְ אוֹיפְ'ן קוֹל: ״בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף אִיךְ זָאל נִישְׁט דַארְפְן טוּן וָואס מַיין טַאטֶע זָאגְט, אָדֶער וָואס מַיין מַאמֶע זָאגְט״; מֶען קֶען

בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן שְׁטִילֶערְהֵייט, אָבֶּער הוֹיךְ אוֹיפְ'ן קוֹל זֵיי צוּ וַוייזְן אַז מֶען וויל נִישְׁט טוּן וָואס זֵיי בֶּעטְן – אִיז נִישְׁט קֵיין דֶרֶךְ אֶרֶץ.

אַז דוּ וֶוערְסְט צֶעדְרוּקְט פוּן טְרַאכְטְן אַז מֶען דַארְף בֶּעטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ אוּן דָאס מַאכְט אַייךְ אִיר זָאלְט בִּכְלַל נִישְׁט בֶּעטְן, זָאלְט אִיר מַאכְן פוּן דֶעם אַלֵיינְס אַ תְּפִלָּה, בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט וֶוערְן צֶעדְרוּקְט, אִיךְ זָאל נִישְׁט הָאבְּן קֵיין פְּרֶעשׁוּר פוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת; הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן יִשּׁוּב הַדַּעַת, אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיט דִיר אוּן וִויסְן וִוי אַזוֹי צוּ בֶּעטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### תַּלְמִידוֹת בֵּית פֵּיגֶא וָואס פִירְן זִיךְ אֵיידְל, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע הֲפָצָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג' פָּרָשַׁת יִתְרוֹ, ט"ז שְׁבָט, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

... תְּחִיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא יְרוּשָׁלַיִם

אַייעֶר טַאטֶע הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַז עֶר הָאט נָאר נַחַת פוּן אַייךְ; אִיר זֶענְט אִים מְכַבֵּד, אִיר הֶעלְפְט אִין שְׁטוּב.

אוֹיךְ שְׁרַייבְּט עֶר אַז אִיר זָאגְט תְּהִלִים, אִיר הָאט שׁוֹין מְסַיֵּים גֶעוֶוען דִי צְוָואנְצִיגְסְטֶע מָאל סֵפֶר תְּהִלִים.

עֶר שְׁרַייבְּט מִיר דִי וֶוערְטֶער: "זִי פִירְט זִיךְ אוֹיף צְנִיעוּת'דִיג אִין אֵיידְל; אַלֶע מֵיידְלֶעךְ ווילְן זַיין גוּט מִיט אִיר, אוֹיךְ אִירֶע טִיטְשֶׁערְס הַאלְטְן אוּן אֵיין פְרֶעגְן פוּן וואוּ זִי נֶעמְט אִירֶע שֵׁיינֶע גֶעדַאנְקֶען; זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט אַז זִי הַאלְט מִיט אַלֶע שִׁיעוּרִים פוּן דִי הַאטְלֵיין 'קוֹל בְּרֶסְלֶב'".

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן דִי שֵׁיינֶע גְרוּסְן אוֹיף אַייךְ. דִי תַּלְמִידוֹת אִין בֵּית פֵּיגָא בֶּענְקֶען זִיךְ גָאר שְׁטַארְק צוּ אַייךְ; אַלֶע גֶעדֶענְקֶען אַייךְ פוּן זוּמֶער, פוּן קֶעמְפּ מַחֲנֶה בֵּית פֵּיגָא.

שְׁטַארְקְט זִיךְ מִיט אַייעֶר שֵׁיינֶע אוֹיפְפִירוּנְג, זַייט מַמְשִׁיךְ מִיט דִי

אֵיידעלֶע וֶועג, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע הֲפָצָה. תַּלְמִידוֹת בֵּית פֵיגָא וָואס פִירְן זִיךְ אֵיידל - דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע הֲפָצָה; אַלֶע פְרֶעגְן: 'וֶוער זֶענֶען דִי אֵיידֶעלֶע דֶערְוַואקְסֶענֶע מֵיידְלֶעךְ?' אַלֶע אִינְטֶערֶעסִירְן זִיךְ; דָאס אִיז מְקָרֵב נָאךְ און נָאךְ אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם רֶבִּי'ן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זִיךְ שְׁטַארְקְן פוּנְדַאסְנֵיי מִיט לִימּוּד הַתּוֹרָה

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, י"ט שְׁבָט, שְׁנַת ה'תשפ"ב**

**לִכְבוֹד מַיינֶע טֵייעֶרֶע חֲבֵרִים, אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, דִי בְּכָל אֲתַר וַאֲתַר, ה' עֲלֵיהֶם יִחְיוּ**

דִי וָואךְ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, וֶוען מִיר לֵיינֶען דִי פַּרְשָׁה פוּן קַבָּלַת הַתּוֹרָה, - אִיז אַ צַייט וָואס מִיר בַּאקוּמֶען פְרִישֶׁע כֹּחוֹת צוּ מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה פוּנְדַאסְנֵיי, אַזוֹי וִוי צַדִּיקִים זָאגְן (שְׁלָ"ה הַקָּדוֹשׁ בִּתְחִלַּת מַסֶּכֶת פְּסָחִים; וְעוֹד): "קְרִיאָה מְעוֹרֵר אֶת הַזְּמַן", וֶוען מֶען לֵיינְט אִין דִי תּוֹרָה דִי פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ - וֶועקְט זִיךְ אוֹיף דִי אַלֶע זַאכְן וָואס הָאט דֶעמָאלְט פַּאסִירְט, און מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּצוּקוּמֶען צוּ דֶעם.

אִיךְ וִויל עֶנְק בֶּעטְן אִיר זָאלְט זִיךְ שְׁטַארְקְן פוּנְדַאסְנֵיי מִיט לִימּוּד הַתּוֹרָה. דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ וֶועג צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, מֶען זָאל זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה - אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט. קוּקְט אַרַיין דִי וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי'ן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו): "שֶׁאֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד, לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר", אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט גָארְנִישְׁט - זָאל מֶען זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, "וּמִמֵּילָא יָבִין", און בַּיים סוֹף וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין. "וְלֹא יְבַלְבֵּל דַּעְתּוֹ בִּתְחִלַּת לִמּוּדוֹ שֶׁיִּרְצֶה לְהָבִין תֵּכֶף, וּמֵחֲמַת זֶה יִקְשֶׁה לוֹ הַרְבֵּה תֵּכֶף וְלֹא יָבִין כְּלָל. רַק יַכְנִיס מֹחוֹ בְּהַלִּמּוּד וְיֹאמַר כְּסֵדֶר בִּזְרִיזוּת וּמִמֵּילָא יָבִין", מֶען זָאל נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וֶוען מֶען זֶעט אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט, וָואס דָאס אַלֵיינְס - אַז מֶען וִויל גְלַייךְ

פַארְשְׁטֵיין - מַאכְט אַז עֶס זָאל זַיין שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען, מֶען זָאל נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער כְּסִדְרָן אוּן מֶען וֶועט שׁוֹין פוּן זִיךְ אַלֵיינְס פַארְשְׁטֵיין, "וְאִם לֹא יָבִין תֵּכֶף, יָבִין אַחַר כָּךְ, וְאִם יִשָּׁאֲרוּ אֵיזֶה דְּבָרִים, שֶׁאַף עַל פִּי כֵן לֹא יוּכַל לַעֲמֹד עַל כַּוָּנָתוֹ - מַה בְּכָךְ?" אוּן אוֹיב מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל, וֶועט מֶען עֶס פַארְשְׁטֵיין בַּיים צְוֵוייטְן מָאל; אוּן אוֹיבּ מֶען וֶועט נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דֶעם צְוֵוייטְן מָאל - אִיז אוֹיךְ גָארְנִישְׁט, "כִּי מַעֲלַת רִבּוּי הַלִּמּוּד עוֹלָה עַל הַכֹּל, וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה: 'לִגְמוֹר, וַהֲדַר לִסְבֹּר, וְאַף עַל גַּב דְּלָא יָדַע מַה קָאָמַר' שֶׁנֶּאֱמַר: 'גָּרְסָה נַפְשִׁי לְתַאֲבָה'", וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל קוֹדֶם אַסַאךְ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט, אוּן דֶערְנָאךְ זָאל עֶר לֶערְנֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין, "כִּי עַל יְדֵי רִבּוּי הַלִּמּוּד, שֶׁיִּלְמַד בִּמְהִירוּת, וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה, עַל יְדֵי זֶה יִזְכֶּה לַעֲבֹר כַּמָּה פְּעָמִים אֵלּוּ הַסְּפָרִים שֶׁלּוֹמֵד, לְגָמְרָם, וְלַחֲזֹר לְהַתְחִיל, וּלְגָמְרָם פַּעַם אַחַר פַּעַם, וְעַל יְדֵי זֶה מִמֵּילָא יָבִין וְכוּ'", וַוייל אַז מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעל, קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ; מֶען אִיז זוֹכֶה אִיבֶּערְצוּגֵיין יֶעדֶע זַאךְ זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל, בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה דָאס צוּ פַארְשְׁטֵיין.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ מַיינֶע טַייעֶרֶע לִיבֶּע בְּרִידֶער, מִיר דַארְפְן זִיךְ בַּאנֵייעֶן מִיט לִימּוּד מִשְׁנָיוֹת, אַ תַּלְמִיד הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ אִיז נָאר דֶער וָואס זָאגְט פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת; מִשְׁנָיוֹת וַואשְׁט אָפּ אַלֶע עֲבֵירוֹת אוּן עֶס שְׁלֶעפְּט אַרוֹיס פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית.

מוֹהֲרַא"שׁ זָאגְט, דִי שִׂיחָה פוּן כַּךְ וְכַךְ פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן מֵיינְט לִימּוּד מִשְׁנָיוֹת. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "שֶׁאֲפִילּוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן קְדוּשָׁה, עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם, וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי

הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד", אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג "כַּךְ וְכַךְ" - וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעזָאגְט הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקעג): "צִי תּוֹרָה קֶען אוֹיךְ הֶעלְפְן אַזַא אֵיינֶעם וָואס אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן?" הָאט דֶער רֶבִּי גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף אִים אוּן גֶעזָאגְט: "דוּ וַוייסְט וִוי גְרוֹיס דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז?! תּוֹרָה אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶעס!" אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס פַאלְט נֶעבֶּעךְ אַרָאפּ אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג 'כַּךְ וְכַךְ', וֶועט עֶר וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

מֶען דַארְף נִישְׁט פַּאסְטְן אוּן מַאכְן סִיגוּפִים. מוֹהֲרָא"שׁ בְּרֶענְגְט טוֹיזְנְטֶער מָאל דִי וֶוערְטֶער וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי רֹאשׁ הַשָּׁנָה ד, ח): "כֵּיוָן שֶׁקִּבַּלְתֶּם עֲלֵיכֶם עוֹל תּוֹרָה, מַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיכֶם כְּאִילוּ לֹא חֲטָאתֶם מִימֵיכֶם", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְקַבֵּל אוֹיף זִיךְ צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה רֶעכְנְט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַזוֹי וִוי עֶר הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזִינְדִיגְט.

טַייעֶרֶע לִיבֶּע בְּרִידֶער, קוּקְט נִישְׁט אוֹיף אַנְדֶערֶע; וֶוערְט נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן פוּן אַנְדֶערֶע אוּן וֶוערְט נִישְׁט מְבוּלְבָּל פוּן אַנְדֶערֶע. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, דִי עֲשֶׂרֶת הַדִּבְּרוֹת שְׁטֵייט בִּלְשׁוֹן יָחִיד (שְׁמוֹת כ, ב): "אָנֹכִי ה' אֱלֹקֶיךָ", אִיךְ בִּין דַיין בַּאשֶׁעפֶער, עֶס שְׁטֵייט נִישְׁט "אֱלֹקֵיכֶם", עֶנְקֶער בַּאשֶׁעפֶער; "לֹא יִהְיֶה לְךָ", עֶס זָאל נִישְׁט זַיין צוּ דִיר, אַלֶעס שְׁטֵייט בִּלְשׁוֹן יָחִיד - צוּ דִיר; דָאס וַוייזְט אוּנְז אַז מֶען קֶען נָאר מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה אוֹיבּ מֶען נֶעמְט דִי תּוֹרָה פַאר זִיךְ, מֶען קוּקְט נִישְׁט אוֹיף אַנְדֶערֶע.

בִּפְרַט וֶוען עֶס קוּמְט צוּ נָאנְטֶע חֲבֵרִים, תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ; אַז מֶען הָאט נִישְׁט דִי הַקְדָּמָה - קֶען מֶען בַּאקוּמֶען חֲלִישׁוּת הַדַּעַת. 'דֶער בַּאקוּמְט אַ שְׁמֵייכְל, יֶענֶער בַּאקוּמְט אַ שֵׁיינֶע בְּרִיוו, דֶער דְרִיטֶער אִיז אַזוֹי נָאנְט אוּן אִיךְ

בַּאקוּם גָארְנִישְׁט; נִישְׁט קַיין בְּרִיוו, נִישְׁט קַיין שְׁמֵייכְל, נִישְׁט גָארְנִישְׁט׳; דַארְף מֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן נִישְׁט וֶוערְן צֶעפַּאלְן.

אִיךְ הָאבּ נָאךְ אַסַאךְ צוּ שְׁרַייבְּן, אָבֶּער אִיךְ דַארְף אַרַיינְגֵיין צוּ דִי בָּחוּרִים; זֵיי זֶענֶען אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן, קֵיינֶער אִין דִי וֶועלְט פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט קַיין בָּחוּר; אִיךְ דַארְף גֵיין פָּארְלֶערְנֶען, בְּלַייבְּזְשֶׁעט מִיר גֶעזוּנְט.

אַ פְרֵיילִיכְן לִיכְטִיגְן שַׁבָּת.

...

**וֶוער עֶס הֶעלְפְט דְרוּקְן דִי סְפָרִים וֶועט זֶען גְרוֹיסֶע נִסִים**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, י״ט שְׁבָט, שְׁנַת ה׳תשפ״ב

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶרְשְׁטְנְס זָאלְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן אִין דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן דְרוּקְן אוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים פוּן מוֹהֲרַא״שׁ.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ה, יח): ״הַמְזַכֶּה אֶת הָרַבִּים, אֵין חֵטְא בָּא עַל יָדוֹ״, וֶוער עֶס אִיז מְזַכֶּה אִידִישֶׁע קִינְדֶער - הִיט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אָפּ פוּן שְׁלֶעכְטְס; נִישְׁטָא נָאךְ אַזַא מְזַכֶּה אֶת הָרַבִּים וִוי דֶער וָואס דְרוּקְט דִי סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים אוּן פַארְשְׁפְּרֵייט דָאס פַאר אַנְדֶערֶע.

אוֹיף דַיין פְרַאגֶע, וֶוען מוֹהֲרַא״שׁ הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען אַז וֶוער עֶס וֶועט דְרוּקְן זַיינֶע סְפָרִים וֶועט הָאבְּן אַ יְשׁוּעָה - צִי מֵיינְט דָאס נָאר אֵיין יְשׁוּעָה אָדֶער קֶען מֶען דָאס טוּן פַאר כַּמָּה וְכַמָּה יְשׁוּעוֹת; אַוַדַאי אוּן אַוַדַאי, וֶוער עֶס הֶעלְפְט דְרוּקְן דִי סְפָרִים קֶען דָאס טוּן פַאר כַּמָּה יְשׁוּעוֹת אוּן מֶען וֶועט זֶען גְרוֹיסֶע נִסִים.

אוֹיף דַיין פְרַאגֶע אוֹיבּ דִי הַבְטָחָה פוּן מוֹהֲרַא״שׁ אִיז נָאר פַאר וֶוער עֶס דְרוּקְט אֲשֶׁר בַּנַּחַל, אָדֶער דָאס אִיז אוֹיךְ אוֹיף דִי אַנְדֶערֶע סְפָרִים; אַלֶע קוּנְטְרֵסִים אוּן סְפָרִים וָואס מוֹהֲרַא״שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן - הָאבְּן אִין זִיךְ דִי הַבְטָחָה אַז וֶוער עֶס וֶועט נֶעמֶען אַ חֵלֶק אוּן וֶועט דָאס דְרוּקְן - וֶועט זֶען

יְשׁוּעוֹת, בִּפְרַט דֶעם סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל, דָארְט הָאט מוֹהֲרָא"ש מַבְטִיחַ גֶעוֶוען מִיט אַ שְׁטַארְקֶע הַבְטָחָה אַז מֶען וֶועט זֶען גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְּן זָאלְסְט הָאבְּן כֹּחַ וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

...

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

פֿאַר קִינְדֶער

## בִּרְכַּת הַמָּזוֹן פוּן בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידִים

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, לָאמִיר גֵיין קַיין אוּמַאן, לָאמִיר אַרַיינְקוּקְן אִין שְׁטוּבּ פוּן רֶבִּינְ'ס טָאכְטֶער, דִי גְרוֹיסֶע צַדֵיקֶת אָדְל עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם:

אַ שֵׁיינֶע סְעוּדָה קוּמְט פָּאר בַּיים רֶבִּינְ'ס טָאכְטֶער, אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ עֶסְן אַ גֶעשְׁמַאקֶע סְעוּדָה. אִין דִי צְוֵוייטֶע שְׁטוּבּ זִיצְט אָדְל דֶעם רֶבִּינְ'ס טָאכְטֶער מִיט נָאךְ פְרוֹיעֶן, מֶען עֶסְט אוּן מֶען טְרִינְקְט אַזוֹי גֶעשְׁמַאק, מֶען שְׁמוּעֶסְט אוּן מֶען פַארְבְּרֶענְגְט אִינְאֵיינֶעם.

וִויבַּאלְד מֶען הָאט גֶעגֶעסְן אִין בַּאזוּנְדֶערֶע צִימֶערְן הָאבְּן דִי פְרוֹיעֶן נִישְׁט גֶעווּיסְט ווִי מֶען הַאלְט בַּיי דִי סְעוּדָה בַּיי דִי מֶענֶער, זֵיי הָאבְּן גֶעטְרַאכְט: 'הָאבְּן זֵיי שׁוֹין גֶעבֶּענְטְשְׁט בִּרְכַּת הַמָּזוֹן? זָאלְן מִיר שׁוֹין אוֹיךְ בֶּענְטְשְׁן?' אַ טֵייל פְרוֹיעֶן הָאבְּן גֶעזָאגְט: "דִי מֶענֶער הָאבְּן שׁוֹין גֶעבֶּענְטְשְׁט בִּרְכַּת הַמָּזוֹן, מִיר דַארְפְן שׁוֹין אוֹיךְ בֶּענְטְשְׁן".




"מַיין טַאטְנְ'ס מֶענְטְשְׁן בֶּענְטְשְׁן אוֹיפְ'ן קוֹל"

רוּפְט זִיךְ אָן דִי צַדֶיקֶת אָדְל עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם: "אִיךְ זָאג אַייךְ מֶען הָאט נָאךְ נִישְׁט גֶעבֶּענְטְשְׁט, מֶען הַאלְט נָאךְ אִינְמִיטְן עֶסְן, מִיר קֶענֶען וַוייטֶער עֶסְן"; אַלֶע פְּרוֹיעֶן קוּקְן אוֹיף אִיר, זֵיי פְּרֶעגְן אִיר: "בִּיסְטוּ זִיכֶער אַז מֶען הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעבֶּענְטְשְׁט, אֶפְשָׁר הָאט מֶען שׁוֹין יָא גֶעבֶּענְטְשְׁט?" רוּפְט זִיךְ אָן דִי צַדֶיקֶת אָדְל: "מַיין טַאטְנְ'ס מֶענְטְשְׁן בֶּענְטְשְׁן אוֹיפְ'ן קוֹל, מִיר וָואלְטְן זִיכֶער גֶעהֶערְט זֵייעֶר בִּרְכַּת הַמָּזוֹן".

פְלוּצְלוּנְג הֶערְט מֶען אַ גֶערוּדֶער, מֶען הֶערְט פוּן דֶערְוַוייטְנְס וִוי מֶען בֶּענְטְשְׁט בִּרְכוֹת הַמָּזוֹן אַזוֹי שַׁיין; רוּפְט זִיךְ אָן דִי צַדֶיקֶת אָדְל: "אִיךְ הָאבּ אַייךְ דָאס גֶעזָאגְט, מַיין טַאטְנְ'ס מֶענְטְשְׁן, וֶוען זֵיי בֶּענְטְשְׁן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן בֶּענְטְשְׁן זֵיי אוֹיפְ'ן קוֹל".

קִינְדֶער, יֶעצְט וֶועלְן מִיר אַלֶע בֶּענְטְשְׁן שַׁיין הוֹיךְ אוֹיפְ'ן קוֹל, אַזוֹי וִוי בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידִים.

בס"ד

# בשורה טובה ומשמחת!

שוין יעצט
דא צו באקומען
אפגעשיקט יעדע וואך

## צו אייער טיר

אויף די פאסט

**די שטארק אויפגעכאפטע**
**וועכנטליכע קונטרסים**

# עצתו אמונה



הערליכע בריוו, שאלות
ותשובות אין אלע אקטועלע
נושאים אין טאג טעגליכן לעבן,

געשריבן דורכ'ן ראש ישיבה
הרה"ג ר'
## יואל רוטה
שליט"א

היכל הקודש

רופט אדער טעקסט

קרן הדפסה היכל הקודש **718·387·2691**

אדער שיקט א אימעיל צו: subscribe@kerenhadfusa.org

חיזוק צום טיר

goodpointmediainc@gmail.com